STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01214

# A ZAMLUNG DERTSEYLUNGEN

Rachel Broches

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ritta Sandler Rosenberg*
*in memory of*
*Diana & Philip Sandler*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל ברכות

# אַ זאַמלונג דערציילונגען

אינהאלט:

1) אונטער־בארג. 2) א בלעטל. 3) די שכינה.
4) אין דער און דער גאס. 5) די זאָגערין.
6) אין שטאָד. 7) קבורה שמש׳ס ווייב.

ווילנע — 1922
ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין.

נאָכדרוק פאַרבאָטן

דרוקעריי „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, קליין סטעפּן-גאַס 23

# אונטער-בארג.

...איך האָב אים געזאָגט... איטלאכן טאָג געזאָגט, אַז אָן אים קאָן איך ניט לעבן, אַז ער גייט אַוועק פון מיר, איז מיר אַ פינס-טער נאַכט, אַן אַרומגעשפּאַרטע תפיסה, אַ דול-הויז... איטלאַכס מאָל, אַז ער גייט מיט אַזאַ עקשנות אַוועק, בעט איך אים, לייג זיך פאַרן טיר, ער זאָל רחמנות האָבן, זאָל ניט גיין צו די לייט, אַהין, וואו זיי קלייבן זיך צענויף. איך קאָן ניט אויסהאַלטן איך גיי אַראָפּ פון זינען. ביז וואַנען ער קערט זיך צוריק, פאַלן ביי מיר די האָר פון קאָפּ אַרויס... און ער הערט מיך ניט. אין מיין געבעט זעט ער מער ניט ווי אַ ווילדע אייגען-ליבע, ווי אַ ניט ענטוויקלטקייט. ער שעמט זיך, זאָגט ער, מיט מיר, ער האָט קיין צוזאַמענבינדונג מיט מיר ניט: מיינע געדאַנקען זיינען אַנדערע ווי זיינע; מיר ווילן און ווינטשן בעזונדערע זאַכן אין לעבן; מיר פאַרשטייען דעם לעבן איטלאַכער פון אונז אַנדערש; מיר זיינען מערניט ווי קערפּערלאַך געבונדן, אַ קערפּערלאַך בונד איז אַ שאַנדע, זאָגט ער, פאַר אים... און נאָך, און נאָך אַזעלכע רייד... און מיט נצחון גייט ער זיך אַוועק און קוקט אויף מיר גאָרניט... איך לויף צום טיר, איך לויף צום פענסטער... איך קוק ווייט אַרויס אויף דאָס זילבערנע ווייס פאַרשנייטע פעלד, וואו זיין טונקעלע פיגור ווערט וואָס ווייטער מער פאַרטרונקען אין די ווייטקייט און אומבאַשטימטקייט... און מיין דירה פלעגט טאַקע מיר אויסקומען ווי אַ דול-הויז. איך פלעג דאָרטן אַליין זייענדיק משוגע ווערן. מיר פלעגט זיך ווועלן נאָך זיין אַוועקגיין רייסן און ברעכן, און קלאַפּן, און וויינען און שרייען... און קאָפּ אָן וואַנד שלאָגן... איך פלעג וואַרפן זיך אין בעט, שליידערן די קישנס און קייקלען זיך אויף זיי, און רייסן זיך דאָס פנים... מיין קליינע רבהלע פלעגט עס זעהן און לאַכן. זי האָט געמיינט, אַז איך שפּיל זיך דאָס מיט

איר... ער האָט געזאָגט, ער האָט צו מיר קיין געדולד ניט; ער קען ניט ליידן מער און וויל ניט ליידן,—דאָס איז איבעריקע ליידן. איך בין אַ מענטש ניט פון געזעלשאַפט. אַן איינ־איינציקע, ער וויל זיך מיט מיר ניט אומטענטלען. בין איך משוגע, דאַרף איך גיין אין דול־הויז, בין איך קראַנק, דאַרף איך גיין אין שפּיטאָל. געזונטע מענטשן טאָר איך צו לאַסט ניט פאַלן... איך בין אַזאַ וואָס גיב דער געזעלשאַפט גאָרניט... זיינע רייד — קאַלטע רייד האָבן מיין בלוט געררייצט, האָבן מיר געמאַכט סמענדיקע ווייטיקן... ער זאָגט: אַ גאַנצער אונטער־באַרג וואוינט מיט מענטשן; פיל אַרבעטער מיט זייערע געזינדן, גאַנץ ווילע פרויען—הויזלאַכע און בריות, און איך קען מיט זיי ניט צענויפקומען, גיי צו זיי ניט און וויל זיי ביי זיך ניט זען. וואָס איז ער מיר שולדיק? אָן, מאירזאָנס פרוי עלטער פאַר מיר—גייט אַליין אומעטום מיט דעם מאַן אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, אַרבעט אין באַוועגונג, אַרבעט נאָך מער פאַר איר מאַן. אָן, ציפּקינס פרוי, אַ נייער מענטש, ערשט ניט לאַנג געקומען פון ניטהי און שוין מיט אַלע אַרבעטער אויס־געמישט זיך, שוין מיט אַלע אַרבעט אין בעוועגונג באַקאַנט און נעמט אויף זיך אַרבעט וואָס וועלכער עס איז מאַנסביל דערגרייכט עס ניט. וועגן יענטל דאָבקינס איז דאָך גאָר קיין רייד ניט... יענטל האָט צוויי קינדער און גייט צוזאַמען מיט דעם מאַן האַנט אין האַנט, רעדט רעדעס און אַרבעט ניט נאָך די כוחות. און נאָך, און נאָך אַזוינע... און אַלע טאָג זאָגט ער מיר מוסר, און ער וויל שוין מער קיין מוסר אויך ניט זאָגן: — אַרויסגעוואָרפע־נע רייד, אַלץ איינס ווי וואַסער געשטויסן, זאָגט ער... ווער איז מיר שולדיק, ער פערדינט אין פאַבריק מער פאַר אַלעמען—זיבּ־ציק־אַכציק רובל חודש אין חודש, אָן, אַלע אַרבעטער, פּראָסטע אַרבעטער פערדינען קיין העלפט ניט און האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דערהיים אַ רואיקן לעבן. און איך וויל אפילו אַ ניאַנקע ניט נעמען צום קינד, ווער איז מיר שולדיק? ווער הייסט מיר אַליין האָרעווען און אַלע שטוביקע אַרבעט טאָן און גאַנצע נעכט אַליין בלייבן אין שטוב זיצן. ער קען מיט מיר אין שטוב ניט בלייבן און ער וויל ניט... איך וויל קיין דינסט ניט נעמען דערפאַר וואָס

איך וויל ניט די דינסט זאָל יעדן טאָג הערן אונזער קריגערייִ, זאָל זען מיין ערנידערונג, זאָל זען ווי איך בין משוגע, ווי איך לויף אום איבערן פעלד ביז שפּעט אין דער נאַכט און זוך אים און וואַרט אויף אים... איך מוז לויפן אין דרויסן, וואָרום איך קען אין שטוב ניט איינזיין — איטלאַכע רגע קומט מיר אויס ווי די אייביקייט אַליין. איך מיין, ער וועט שוין ניט קומען, מען האָט אים אַרעסטירט, פאַרזעצט... אָפּגעמשפט, אויפגעהאַנגען, דערשאָסן... און ער איז שוין ניטאָ...

אונזער דירה איז געווען איינע פון די בעסטע אונטערבאַרג דירות. דריי שיינינקע באַקוועמע חדרימלאַך. די פענסטער פון מיטלסטן חדר זיינען אַרויסגעקומען צום פעלד, צום וועג אין שטאָט אַריין. די פענסטער פון שלאָף-קאַמער האָבן אַרויסגעקוקט צום גאַנצן אונטער-באַרג מיט די צענדליקער שטיבלאַך פון די אַרבעטער. מיט די גרויסע הויכע קוימענס פון פאַבריק... אין שלאָףחדר זיינען ביי אונז געשטאַנען צוויי אויפגעפּוצטע בעטן און צווישן זיי אַ טישל, מיט אַ וועק-זייגערל, וואָס האָט שטענדיק מיט איין גאַנג געקלאַפּט און געקלאַפּט. איך האָב דאַמאָלסט אויך שלעכט געשלאָפן. לאַנגע, לאַנגע נעכט פלעגן זיך ציען. רבהלע איז געווען אַ רואיק, געזונט קינד און האָט מיר ווייניק געשטערט. און דערצו פלעגט זי נעמען די מאַמע צו זיך אויף גאַנצע וואָכן.

עס פלעגט נאָך פינסטער זיין, נאָך אַ גראָבע קאַלטע שטיק נאַכט, און עס פלעגט זיך שוין דערהערן דאָס פייפעריי — מען רופט אין פאַבריק. יאַשע פלעגט אויפשטיין. איך פלעג נאָך דאַרפן פריער פון בעט אַרויס טיי פאַרטיק מאַכן. נאָר איך פלעג דאָס ברוגז מיט אים ניט איבערטראָגן. דער טאָג איז מיר געווען אַן איבעריקער, אַ שווערער און שווער איז מיר געווען פאַר דעם שווייגנדן דערלאַנגען אָדער עפּעס צוגרייטן. און איך פלעג בלייבן ליגן.

יאַשע פלעגט אַוועקגיין אַזוי אַ ניכטערער ביז צוועלף, ביז מיטאָג. מיר פלעגט ווי טאָן מיין האַרץ, ווייל מיין ליבע צו אים האָט קיין גרענעץ געהאַט, ווייל איך האָב געמוזט וועגן אים אָפּקלערן איטלאַכע רגע פון מיין לעבן. און איך פלעג קוים דער=

וואַרטן ביז עס זאָל זיך ווידער דאָס פּייפּעריי דערהערן. איך האָב
דאָס מיטאָג שטענדיק אייפגעפּאַסט וואָס בעסער און וואָס געשמאַ-
קער. ביי מיר איז שטענדיק געווען אַ האָפנונג, אַז מיר וועלן היינט,
היינט גוט-פריינט ווערן, און פלעג אים דערוואַרטן מיט אַפאַרגאַנ-
גענעם האַרץ... און אַז עס פלעגן זיך אויף דעם ווייסן שניי אויס=
שיטן ווי שוואַרצע ראָבן צענדליקער פיגורן—טונקעלע און פאַר-
רייכערטע—פון די אַרבעטער, פלעג איך פון פענסטער זוכן מיינעם...
נאָר קוים פלעג איך דערזען דאָס ווינטערדיקע אַראָפּגערוקטע היטל
דאָס בלייכע פּנים מיט דעם פינסטערן בליק פון זיינע גרוי=בלוי=
סטאָלענע אויגן, פלעגט דאָס האַרץ ביי מיר צוריק אָפּפאַלן און
ס'פלעגט אָנהויבן צו רייסן און צו מאַנען, און צו בונטעווען...
דאָס מיטאָג-עסן פלעגט צוגיין ביי אונז שווער און אָנגעצויגן. ער
האָט בשעת עסן אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג אָדער אַ ביכל, און
איך שווייגנדיק פלעג אים ווינשן, אַז ער זאָל אויסלייענען דאָס
שווערסטע און ערגסטע בשורה פאַר זיך... נאָכן עסן פלעגט ער
צוריק אַוועק ביז ווידער דאָס דריטע פּייפער — ביז זעקס פאַר=
נאַכט, ווען די פאַבריק מאַכט זיך צו. ער פלעגט אַרומוואַשן זיך,
איבערבייטן די קליידער, ליכטיק מאַכן די לאָמפּן, אַ שפּיל טאָן,
אַ ביסל מיט רבהלען, אויב זי איז נאָר אינדערהיים געווען — זי
האָט אים אויך זייער ליב געהאַט—און דערנאָך אַרומגעלייגט זיך
מיט בלעטער, זשורנאַלן, ביכער און—האָט זיי געלייענט און גע=
לייענט ניט אָפּרייסנדיק זיך אויף איין רגע. דער סאַמאָוואַר האָט
געזאָדן, אויפן טיש זיינען געשטאַנען שיינע גלעזער און מיר זיינען
שטומערהייט געזעסן געגנאיבער ברוגזדיקע און ווי פרעמדע... די
ערשטע פלעג איך אָנהויבן ריידן. איך האָב געמוזט אַ קול דער=
הערן אין ליידיקן שטומען שטיבל. מיין האַרץ איז מיר געווען
פאַרלאָפן מיט בלוט, מיך האָט גערייצט און פון געדולד געטריבן...
איך פלעג אים עפּעס זאָגן, ער פלעגט מיר טרוקן און קאַלט ענט=
פערן. מיר פלעגט דאַכטן, דערהער איך פון אים אַ גוט וואָרט,
בין איך שוין גליקלאַך און גרייט אַלץ פאַרגעסן—אַלע באַליידיגונ-
גען וואָס איך פאַרטראָג און מיט וועלכע מיין האַרץ איז איבער=
געפילט. און איך פלעג ויך באַמיען פריילאַך=זיין, גוט-פריינד, גוט

אויפגעלייגט, זעצן זיך לעבן אים נאָענט, מוחל זיין וואָס ער לייענט, נאָר ער זאָל מיך באַמערקן. און דוכט זיך שוין נשקשה... ער ווערט שוין אויך אַ ביסל ווייכער, ענטפערט מיר שוין אָפּטער, — שוין גוטע פריינד ווי מאַן און ווייב. — שלאָגט דער זייגער אַכט, הויבט ער זיך פון אָרט, נעמט צענויף די ביכלאַך און קלייבט זיך אַוועק...

— גיי ניט, יאַשע, בעט איך זיך ביי אים: — מיר וועט דאָ זיין אומעטיק, זאָג איך אַזוי זיך, ווייל ניט דאָס איז די סיבה וואָס איך וויל ניט, ער זאָל גיין.

גיי, זאָגט ער, אריין צו אַ שכנה. לייען עפּעס, עס איז דאָ פיל פאַראַן וואָס צו לייענען, דאָס וועט דיר נוצן ברענגען. אָדער קום מיט מיר אויך.

— יאַשינקע, — בעט איך זיך, — גיי ניט... אַלע טאָג גייסטו וועק, און איך ווייס דאָ ניט וואָס איבערצוקלערן וועגן דיר, איך גיי דאָ פון זינען אַראָפּ.

— קלער — זאָגט ער — קיין נאַרישקייט ניט. מיט מיר וועט זיך גאָרניט טרעפן.

— יאַשינקע, טו מיר צוליב, זיץ היינטיקן מאָל אינדערהיים...

— איך פאַרשטיי ניט — זאָגט ער — צוליב וואָס.

און ער גייט אַנטשלאָסן צום הענגער אָנציען דאָס אויבערבגד. נאָר איך קען ניט אויסהאַלטן. מיינע גוטע רייד צו אים ווערן ערגעץ וואו פאַרזונקען. פאַר מיר שטייט אַן עקשן, אַ שונא מיינער. איך קריג אים פיינט און וויל ניט ער זאָל אויספירן. איך נעם זיך פאַרן טיר און וויל אים ניט אַרויסלאָזן... ער קוקט אויף מיר ניט. רייכערט אַ פּאַפּיראָס און מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט שטופּט ער מיך אָפּ פון זיך און גייט זיך אַוועק. איך שריי אים נאָך, מיין אויפרעגונג ווערט ניט איבערצוגעבן. איך שיט אים נאָך זידלעריי, און שילט זיך און לאַך פון אים, און לאַך אָפּ פון אַלע זיינע פריינד, פון אַלע זיינע רייד... איך רייד אַזוינס וואָס איך וויל גאָרניט ריידן... ער גייט אַוועק. איך לויף צום פענסטער. איך קוק דורכן שויב. קוים-קוים וואָס איך זע אַרויס דאָס שוואַרץ

פינטעלע דאָרט ווייט-ווייט איבערן ווייסן פעלד... און ווידער ווי אַלע נאַכט הויב איך אָן אומלויפן איבער אַלע ווינקלען פון וואַנט צו וואַנט, פון פענסטער צום טיר, פון איין חדר אין דעם אַנדערן, ווי אַ פאַרסמטע, ווי אַ ניט דערקוילעטע. מיר ברענט אין מוח, איך רייס זיך די האָר, איך ווער משוגע פון כעס, פון פאַרדראָס, פון טיפן אומגליק, פון איינזאַמקייט און פאַרלאָזנקייט... די זייגערס קלאַפן. עס איז שטיל, אומעטום אויפגעקליבן, איינגעפירט אַ סדר נאָך פון לאַנג אָן, אַלץ אויף אָן אָרט, איך נאָר וואַרף זיך אום, שליידער זיך, געפין פאַר זיך קיין ווינקל ניט... און מיר ווילט זיך פון אַלץ אַ תל מאַכן... אַלץ זאָל באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַז ער זאָל קומען, זאָל אים כאָטש וואָס עס איז איבערגעבן, וואָס איך האָב דאָ איבערגעלעבט... צעבערעכן אַלץ, איבערקערן, צערייסן. זיך אַליין אַ מעסער אין ברוסט אַריינשטעכן, אַ סוף מאַכן...

שפּעט ערשט נאָך מיטן נאַכט בערואיק איך זיך אַ ביסל און לייג מיך אין בעט אַ צומאַטערטע, אַ דערשלאָגענע, מיט פאַרשוואָלענע אויגן און מיט אַ צעגאָסענעם האַרץ.

און שפּעט אין נאַכט דערהער איך באַקאַנטע טריט אויפן גאַניקל... און דערזע אים צוריק. שטומערהייט קליידט ער זיך אויס, לייגט זיך אין בעט געגנאיבער פון מיינער, און שטומערהייט ציט ער זיך איבער מיט דער קאָלדרע ביזן האַלז. איך ווייס ניט, צי ער שלאָפט, צי ניט. איך שלאָף געוויס ניט... היינטיקער טאָג האָט זיך געענדיקט ווי נעכטיקער. און נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה הויבט זיך אָן דער מאָרגעדיקער פונקט אויך אַזעלכער ווי די נעכטיקע, און דאָס לעבן ווערט מיר מיאוס און שווער. און איך קלער ווי פּטור צו ווערן פון אים..

איך קלער וועגן יאַשען. ער איז אַ גליקלאַכער מענטש. ער איז זייער שטאַרק... יענטל זאָגט (די יענטל—ווי פּיינט איך האָב זי!) ער האָט אַ שטאַרקן גלויבן אין זיין זאַך, וואָס ער טוט. ער וועגט זיך ניט, ווי אַנדערע, דאָס אַהין, דאָס צוריק. זיין געדאַנק וואָס איז שטענדיק אויסגעוועבט איינס — אַ גאַנצעס מיט אַן אָנהויב און מיט אַ סוף. ער איז, זאָגט די יענטל — ניט נאָר

אַ מאַשיניסט דאָ אויף דער פאַבריק, אַן אָנפירער פון מאַשינען ביי וועלכע עס אַרבעטן צענדליקער אַרבעטער,—ער איז—זאָגט זי—אַן אָנפירער. נאָך אַ גרעסערער פון אַ הייליקער גרויסער אַרבעט. יענטל זאָגט. ער איז געאַכט אומעטום. ער איז אַ שאַרפער רעדנער, זיינע רייד באַגייסטערן איטלאַכן. זיינע ווערטער האָבן אַ וואונדערלאַכן כוח. די קליינע, שוואַרצע יענטל אַז זי רעדט וועגן אים, קאָכט זי זיך. זי פאַסט אים בעסער ווי איך. איך אָבער האָב אים ליב, איך קען אָן אים ניט לעבן, איך דאַרף אים פאַר זיך און וויל אים קיינעם ניט אַוועקגעבן... און ניטאָ פאַר מיר קיין הייליקע זאַך, ווען די זאַך קען אים אָפּנעמען פון מיר... און איך קען ניט ציטערן איטלאַכן טאָג, אַז מאָרגן וועל איך אים ניט האָבן. איך קאָן ניט, ווען דער גערעכטער, דער קלוגער זאָל קלערן וועגן וואָס אַנדערש... איך בין אומגליקלאַך ווען זיינע אויגן קוקן ניט אויף מיר, ווען זיינע רייד גלעטן און לאַסקען מיך ניט...

יענטל, די מיאוסע יענטל... זי ווייס ניט, וואָס פאַר אַ שונא איך בין איר... אַז זי רעדט מיט מיר, האַלט זי מיך, קענטיק, נאָך פאַר וועלכן עס איז מענטשן... זי דערציילט מיר אַנדערע זאַכן, וויל וויסן מיין מיינונג. קוקט אויף מיר און לויבט מיך, זאָגט, איך בין אַ שיינע... האָט צו מיר אַ געוויסן כבוד ווי צו יאַשעס ווייב... איך האָב זיי אַלעמען פיינט—זי און איר מאַן, און זייערע חברים,—אַלע וועלכע רופן אים אַוועק פון מיר, וועלכע זיינען מיט אים אייניק... געווען צייטן פאַר דער חתונה און נאָך דער חתונה, וואָס ער האָט מיך אויך ליב געהאַט... ער האָט אין מיר געפונען וויפל גוטעס!... אַז איך פלעג לייענען מיט אים אַ ביכל, פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז איך פערשטעה אַנדערש—בעסער, טיפער ווי אַלע. ער האָט אין מיר געזען אַ באַזונדער שכל, אַ באַזונדער איבערגעבנקייט צו עפּעס... ער האָט וועגן מיר פיל געדאַנקען און פיל פלאַנען געהאַט. צו האָב איך זיך איבערגעביטן, צו ער האָט אין מיר אַ טעות געהאַט,—נאָר איצטער איז ער קאַלט צו מיר. און די קעלט פרירט מיין בלוט און טויט איטלאַכער רגע מיין לעבן. צווישן מיר מיט אים האָט זיך אַוועקגעשטעלט—זיין

זאַך, צו וועלכער ער איז וואָס ווייטער, אַלץ מער און מער אי־בערגעגעבן... אין מיין לעבן איז דאָס אַ שרעק... אַ סכנה... אַ ווילדע חיה, וואָס קאָן אים, איטלאַכע רגע אָפּרייסן פון מיר... און אָן אים איז מיר אַ פינסטערע נאַכט — אַן אייביקע און אָנזיגענדיקע...

---

איך האָב געקלערט: אַז איך וועל קראַנק ווערן, וועט ער מוזן זיצן אין שטוב. ער וועט דאָך מיך ניט אַוועקוואַרפן אין מיטן פעלד אַליין און אַוועקגיין. און איך האָב געטראַכט, וועלכע קראַנקייט איך זאָל זיך מאַכן. איך האָב זיך לאַנג געפּרובט און פלעג דרויסן נאַקעטערהייט אומגיין. איך פלעג מיט באָרפעסע פיס אין שניי טרעטן. עס האָט מיך ניט גענומען — איך פלעג עסיק טרינקען, עס האָט מיך אַלץ צום בעט ניט אַוועקגעלייגט... נאָר איינמאָל, גראָד אונגעריכטערהייט איז מיר ניט גוט געוואָרן, און איך בין חלשות געבליבן. דאָס איז געווען אַרבעט־צייט. איך ווייס אַליין ניט, ווער האָט עס דערזען און ווער האָט עס געגעבן צו וויסן יאַשען. נאָר אַז מען האָט מיר דערמינטערט, האָב איך דער־זען אַפּולע שטוב מיט מענטשן, דעם אונטער־באַרגיקן דאָקטאָר. יאַשע האָט מיך געהאַלטן אויף די הענט און האָט אויף מיר או־מעטיק געקוקט. און איך האָב זיך פּלוצלונג פאַרשעמט פאַר זיין קוק און צוריק פאַרמאַכט די אויגן. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען געהייסן פונאַנדערגיין זיך און מיר — איך זאָל רואיק בלייבן. ער האָט געפונען, אַז איך בין גאַנץ ניט געזונט, אָפּגעשוואַכט און די האַרץ אָנגעגריפן. דערצו נאָך שוואַנגער פון פערטן חודש... אַז אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, איז מיר זייער גוט געוואָרן. די בעט מיינע איז געווען אַ ווייכע, אַ ריינע, ליכטיק אומעטום, און יאַשע איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן לעבן מיין צוקאָפּן און געקוקט אויף מיר און געגלעט מיר איבערן קאָפּ. איך בין געווען זייער גליקליך. זיין האַנט וואָס האָט מיך געגלעט איז געווען זייער אַ גוטע און מיר איז גוט געווען. יאַשע האָט מיך דעם גאַנצן אָוונט צו־געזעצן, אַלץ דערלאַנגט מיר און געזעסן לעבן מיר, און מיר האָבן צווישן זיך גערעדט אַזוי הייס, אַזוי געטריי... און מיר האָט זיך

געדאַכט, אַז יאַשע האָט מיך ליב און זיין ליבע האָט מיך גליקלאַך געמאַכט און געהיילט אַזעלכע פאַרלאָזענע אַלטע וואונדן, מיט וועלכע מיין גאַנצער נפש איז איבערגעפילט געוועןְ. שפּעטער אַ ביסל איז יענטל אויך געקומען... זי האָט זיך געזעצט דערביי אויף אַ שטול און גערעדט מיט יאַשען. יאַשע איז נאָך אַלץ געזעסן, האַלב געלעגן אויף מיין בעט און באַהאַלטן מיינע הענט, און געגלעט מיינע פינגער, און אָפט שטילערהייט צוגעלייגט זיי צו זיינע ליפּן. איך בין גליקליך געווען און פלעג רויט ווערן ווי אַ קליין מיידעלע...

יאַשע איז ערגעץ ניט געגאַנגען. יאַשע האָט ניט געלייענט, יאַשע האָט געלאַכט זיצנדיק לעבן מיר, געזאָגט המצאות, געוואָלט איך זאָל עסן, איך זאָל טרינקען... אויף מאָרגן איז יאַשע אַ האַלבן טאָג ניט געגאַנגען אין פאַבריק. דאָס פּייפערײ איז אונז געווען ווי אַ פרעמדע זאַך, אַ ווייטע... איך בין געזונד געוואָרן. יאַשע האָט מיך געבעטן, איך זאָל נאָך ליגן אין בעט היינטיקן טאָג, נאָר איך האָב קיין צייט ניט געהאַט... אין מיין גליק האָב איך פיל אַרבעט געהאַט. מיין לעבן האָט געדאַרפט פאַרריכט ווערן...

מיר האָבן געטרונקען טיי צעפרידענע און גליקלאַכע, ווי אויף מאָרגן נאָך דער חתונה... ווי אַמאָל...

נאָך האַלבן טאָג האָט מען יאַשען גערופן אין פאַבריק. ער איז אַוועק, אָנזאָגנדיק מיר, איך זאָל זיך היטן און אָנווינשנדיק מיר אַלערליי ברכות... איך האָב זיך נאָך זיין אַוועקגאַנג ווידער אין בעט געלייגט, איך בין שלאָף געווען. — איך טראָג אין זיך אַ נייעם לעבן, אַ נייעם קינד. — איך האָב דאָס ערשט דערוואוסט זיך. — זאָל דאָס נייע קינד מיר ברענגען צוריק מיין פערלאָרענעס גליק... יאַשע איז צוריק געקומען. און ווידער הייס און האַרצליך און געטריי צו מיר. ער האָט אָבער שטילערהייט געקוקט אויפ׳ן זייגער... זיין פנים פלעגט דערביי בלייכער ווערן און איבער די אויגן פלעגט זיך ווי אַ לייכטער אומעט פאַרציען. איך האָב אַלץ באַמערקט און שטיל צוגעקוקט. איך האָב אָנגעשטרענגט געקלערט, וועמ ווער וועט דאָ גובר זיין... ער האָט געקוקט אויפן זייגער. געוועגן זיך קענטיק און געוועןְ צוטראָגן. אַז דער זייגער

האָט געשלאָגן אַכט, האָט ער זיך געשטעלט, און צוריק געזעצט. צו איטליכער זיין באַוועגונג איז ביי מיר אַראָפּגעפאַלן מיין האַרץ, און איך האָב געוואַרט. פּלוצלונג האָט זיך די טיר מיט טומל געעפנט, עס זיינען אַריין עטלאַכע אַרבעטער פון פאַבריק.—נו,— האָבן זיי זיך געווענדט צו אים — איר גייט?...—שוין נאָך אַכט...

— יאַשינקע,—בין איך צוגעפאַלן צו אים,—יאַשינקע, דו גייסט אַוועק?...

פאַר פרעמדע מענטשן האָב איך מער ניט געקאָנט ריידן.

— איך מוז,—האָט ער זיך ביי מיר געבעטן, — היינטיקן מאָל מוז איך, מען וואַרט אויף מיר...— אויף זיין שטרענגן פּנים האָט זיך אויסגעדריקט אַ מאָדנער רחמנות. אים איז שווער געווען, ער האָט געליטן.—חנה, חנה׳לע... זיי דאָ רואיק, איך וועל קומען היינט פרי צוריק. אין אַ שעה צוויי אַרום. איך מוז נאָר אַריבער־גיין, וויזן זיך.

איך האָב פאַרשטעלט מיין פּנים פון אַלעמען און געשוויגן. איך האָב גאָרנישט געקאָנט ריידן, איך האָב זיך פּלוצלונג דער־פילט קראַנק און שוואַך. יאַשע האָט זיך פאַרלאָרן.

— זי איז ניט געזונט, — האָט ער מיך פאַרענטפערט פאַר די לייט,—איך קאָן איר אַליין ניט לאָזן,—ער האָט זיך ניט גע־קאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן. ער איז אומגעלאָפן, געזוכט עפּעס פון איין אָרט צום אַנדערן און צום סוף אויסגעקליבן זיך און דערביי פאַרגעסן דאָס היטל אָנטאָן.

— חנה, לייג זיך בעסער אין בעט. חנה, איך קום באַלד. אין אַ שעה צוויי אַרום, פונקט צען בין איך צוריק.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט. און די טיר האָט זיך מיט טומל נאָך זיי אַלעמען פאַרמאַכט... איך בין לאַנג אַזוי געזעסן. איך בין געווען קראַנק, און אַלע נעכטיקע שטיק האָב איך קיין כּוח ניט געהאַט אָפּטאָן. איך בין געווען אַ דערשלאָגענע, אַ בייגע־קומענע... ער איז פון מיר פאַרט אַוועק...

איך האָב אים געגלויבט, אַז ער וועט קומען פרי, ווען ער האָט נאָר צוגעזאָגט. ער האָט קיינמאָל קיין ליגן געזאָגט. נאָר מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט ניט קומען. פונדעסט־

וועגן האָב איך געוואַרט. דער זייגער האָט געשלאָגן צוויי, און ער איז נאָך ניט געווען. עס האָט געשלאָגן דריי, פיער... ניטאָ... איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין דער נאַכט-פינסטערניש... די נאַכט איז געווען ניט דורכקוקנדיק שוואַרץ... באַלד האָט זיך דערהערט דאָס פייפערײַ,—ער איז ניט געווען. שוין טאָג. שוק דער מאָרגן געק׳מען. וואָס איז מיט אים?... אַכט אַזייגער אינדערפרי האָבן זיך צו מיר געקלאַפּט עטלאַכע ווייבער פון די אַרבעטער.

— וואו זיינען זייערע מאַנען?—האָבן זיי צו מיר געטענהט, נעכטן אַוועק מיט יאַשען און הײַנט ניט געקומען. וואָס האָט ער דער יאַשע צו זייערע קליינע קינדער, וואָס נעמט ער אָפּ פון זיי זייער ברויט-געבער... איך האָב געשוויגן... לאַנג האָבן די ווייבער געקלאָגט איבער מיר. איך האָב זיך געקליבן אין שטאָט אַרײַן דערוויסן זיך עפּעס וואָס. אַז די ווייבער זיינען אַוועק, האָב איך דורכן פענסטער דערזען קערנדיק זיך צו מיין דירה אַן אומבאַקאַנטן יונגן מענטשן. איך בין אים אַרויס אַנטקעגן. און אין עטלאַכע ווערטער האָט ער מיר איבערגעגעבן. אַז נעכטן אָוונט האָט מען אויף אַ פאַרזאַמלונג אַרעסטירט יאַשען מיט נאָך אַרבעטער פון זיין פאַבריק.

דאָס איז געווען גענוג! די חיה, פאַר וועלכע איך האָב זיך די גאַנצע צייט געשראָקן, איז פאָרט געקומען. — איז שוין יאַשע ניטאָ... מיט אַן אמת ניטאָ?...

— מען האָט זיי דערווייל אין פּאָליציי אַוועקגעפירט. עס קאָן זיין, אַז מען זאָל זיי אַרויסלאָזן. געפונען האָט מען פון פערדעכטיקע זאַכן גאָרניט. מער ניט מען האָט ענדעקט אַ פאַרזאַמלונג פון פיל מענטשן, וואו איינער האָט געהאַלטן אַ רעדע. דעם רעדנער יאַשען קאָן זיין מען זאָל אָפּהאַלטן אַ ביסל צייט; די איבעריקע וועט מען, דאַכט זיך אויף גיך אַרויסלאָזן.—דער יונגערמאַן איז אַוועק.

דער אונטער-באַרג מיט דער גרויסער פאַבריק מיט די פּילע קוימענס, מיט אַלע געבײַען, מיט די אַלע לײַט האָבן צו מיין לעבן

קיין שיכות ניט, ווען נאָר יאַשע געפינט זיך דאָ ניט. איך בין געשווינד אין שטאָט אַוועק.

איך האָב געפּרובט מיט אַלע מיטלען — מיט געבעט און מיט געלט ביי די היטער, זיי זאָלן מיר כאָטש דורכן פענסטער, כאָטש דורך אַ שפּאַלט לאָזן זען אים. זיי האָבן ניט געלאָזן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יאָרן־לאַנג האָב איך אים ניט געזען, אַ גאַנצן טאָג בין איך אָפּגעשטאַנען ביי דער פּאָליציי. איך בין געשטאַנען ווי אַ הונט, וועלכער וואַרט ניט אָפּטרעטנדיק אויף זיין באַלעבאָס. ערשט שפּעט אין אָוונט בין איך אַוועק צו דער מאַמען אַהיים. מיין מאַמע ווי אויך מיין שטיף־טאַטע מיט דער גאַנצער געזינד זיינען איבערראַשט געוואָרן פון דער בשורה. רבהלע האָט זיך געשאַרט אַרום מיר און געפּרייט זיך מיט מיין קומען. איך האָב אָבער זי כמעט ווי ניט באַמערקט. איך האָב גאָרנישט באַמערקט. איך האָב קיינעם פאַר זיך ניט געזען און ניט געהערט, וואָס מען האָט צו מיר גערעדט.

איך בין געווען אויס מענטש. איך האָב געפילט אַ שווערע גסיסה, אַ לאַנגע גסיסה... עס איז ערשט איין טאָג אַז איך האָב יאַשען ניט געזען, און ווער ווייסט, וויפל טעג נאָך וויפל נעכט? דאָס לעבן איז פון מיר אַראָפּגעפאַלן, איז איבער מיר געהאַנגען ווי אַ איבעריקע זאַך, האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אויף יעדן טראָט... לאַנגע שעהן, פילע טעג — און פאַר מיר האָט עס אַלץ קיין אינהאַלט ניט. די היימיקע דער מאַמעס האָבן באַמערקט, אַז דאָס איז שוין משוגעת... וואָרום ווי קאָן אַ מענטש אויסטאָן זיך פון אַלץ, וואָרום ווי קאָן אַ מענטש חזרן נאָר איין וואָרט נאָכאַנאַנד: יאַשע, יאַשע, יאַשינקע...

איך בין גליקלאַך געווען: אויף דעם אַנדער טאָג האָט מען צוגענומען פאַר יאַשען אַ מיטאָג וואָס די מאַמע האָט פּאַרטיק געמאַכט. נאָר דאָס גליק איז ניט לאַנג געווען. אַז יאַשע איז פאַרשפּאַרט, אַז איך קאָן אים ניט זען האָט מיר כסדר געעגבערט אין מוח... אויף דעם דריטן טאָג נאָך גאַנץ פרי, אַז איך האָב זיך געקליבן ווידער אין פּאָליציי־גאַס גיין, ערשט דאַמאָלסטיקער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן איז אַריין און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז

יאַשע איז שוין באַפֿרייט און איז שוין אין דערהיים אונטער־באַרג און וואַרט אויף מיר. וואָס פֿאַר אַ פֿרייד, וואָס פֿאַר אַ געשריי, וואָס פֿאַר אַ טומל ביי דער מאַמען אין שטוב איז דאַמאָלסט געווען! איינער האָט געשריען איבער דעם אַנדערן און קיינער האָט ניט געהערט, וואָס. איך בין אומגעלאָפֿן צו אַלע טירן, געפֿאַלן איבער איטלאַכן שטול און צו קיינע ניט געטראָפֿן; אַרויפֿגעשלעפּט דעם שטיף־טאַטנס גרויסע פֿוטער און ניט געקאָנט אַריינקריכן אין איר. עמיצער האָט מיך איינגעוויקלט, אַריינגעזעצט אין אַ שליטל און צוזאַמען מיט דער מאַמען און דער מאַמעס אַ שטיף־טאָכטער זיינען מיר אַוועקגעפֿאָרן אונטער־באַרג.

איך האָב דערוויסט יאַשען אַרומגערינגלט מיט אַ סך מענטשן פֿון אונטער־באַרג. מען האָט מיט אים גערעדט, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט זיך: דאָס, יענץ. ער איז געלעגן אויף דער סאָפֿקע אין מיטלסטן חדר. ער איז געווען זייער מאַט און זייער בלייך מיט רויטע אויגן. אַז איך האָב אים נאָר דערזען, בין איך צוריק מיט איין מאָל ווי לעבעדיק געוואָרן. איבערן גאַנצן לייב האָט זיך מיר צעגאָסן אַ וואַרימער שטראָם, און איך האָב זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צו אים... איך האָב אויף קיינעם ניט געקוקט און געקושט אים און געהאַלזט, און געוויינט און גערעדט: — צוריק מיינער, צוריק דאָ... מיין יאַשע... וועסט שוין איצט ניט אַוועקגיין, וועסט מיט מיר בלייבן,—יאַשינקע מיינער... ער האָט צו מיר אויך געשמייכלט, געפֿרעגט, וואָס מאַך איך אין געזונט, באַמערקט וואָס איך בין בלייך און אויפֿגערעגט. איך האָב געבעטן אַלעמען מען זאָל אַוועק, מען וועט בעסער אַן אַנדערש מאָל אַריינקומען, מען מוז אים לאָזן צו זיך קומען. און אַליין בין איך אַרומגעלאָפֿן איבערן שטוב זוכנדיק און טאַפּנדיק פֿאַר אים באַקוועמער צו מאַכן. איך האָב דעם אויוון געהייצט, געקאָכט און געבראָטן, געוואָלט אים מאַכן אַ בעסערן אָנבייסן.

יאַשע איז לאַנג ניט אָנגעלעגן. ער האָט זיך געזעצט צום טיש, געזוכט צווישן די פּאַפּירן; געזעצט זיך שרייבן, לייענען. ער איז געווען זייער צעטראָגן. איך האָב זיך געמאַכט, איך באַמערק ניט. איך בין צופֿרידן געווען, וואָס ער איז דאָ און מער

האָב איך שוין ניט באַדאַרפט... ער איז דעם טאָג נאָר אַרויס אויף אַ פּאָר שעה אין פאַבריק, געזעסן זיך מיט אַ פּאָר אַרבעטער, מיר האָבן צוזאַמען געגעסן, טיי געטרונקען... און דער אָוונד האָט זיך אָנגעהויבן. דער ווייזער פון זייגער האָט זיך גערוקט צו דער אַכ-טער שעה... מיר ביידע זיינען אומרואיקער געוואָרן... ער—ווי גע-ווינלאַך, ווי אַלע טאָג; איך אָבער האָב דאָ אָפּגעטאָן אַ שטיק און איך האָב ניט געוואוסט, ווי וועט דאָס איינגיין: — איך האָב די טיר צוגעשלאָסן און דאָס שליסל ווייט באַהאַלטן. מיר איז געווען שווער צו זיצן און איך האָב זיך אין בעט געלייגט. איך האָב געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, אין חלשות בלייבן, אָפּשטאַרבן, נאָר אַריבערקומען די מינוט, ווען ער וועט זיך כאַפּן, אַז ער איז פאַרשפּאַרט...

אכט... אכט איינציקע קלעפּ פון זייגער... איך האָב געהערט, ער האָט זיך אָנגעקליידט, גענומען עפּעס פון טיש און אַוועק צום טיר... איך האָב געהערט, ווי ער האָט די טיר געקלאַפּט, געשטויסן. לאַנג זיך ניט געכאַפּט אויף מיין המצאה... אָבער דערנאָך קענטיק איבערצייגט זיך, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן.

— חנה!—האָב איך דערהערט אַ מאָדנעם קול—אַ שטרענגן, אַ פרעמדן, אַ כעס׳דיקן—חנה! דער שליסל וואו איז? — איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן און ניט געענטפערט.

— חנה, דער שליסל וואו איז!... האָט זיך ווידער דער קול אָפּגעגעבן איבער דעם גאַנצן שטיבל... נאָר איך האָב גע-שוויגן. איך האָב זיך באַהאַלטן אונטערן קישן.

— חנה, דער שליסל וואו איז, וואָרום האָסטו פאַרשלאָסן?— ער האָט אַליין גענומען זוכן. אומקריכן איבער אַלע ווינקעלאַך און טאַפּן, און זוכן, און אַקערן... ער האָט ניט געפונען, ער איז אַריינגעפאַלן צו מיר אין קאַמער... אַראָפּגעכאַפּט מיט כעס די קישן פון מיין קאָפּ, מיט אימפּעט מיך אַ שלעפּ געגעבן: — דער שליסל וואו איז: דו הערסט?!. — ער איז געוואָרן ווי אַ ווילדע חיה צערייצט, ער האָט זיך גענומען זידלען, איך האָב דאָס פון אים קיינמאָל ניט געהערט.—משוגע׳נע,—האָט ער געשריען—וואו איז דער שליסל. דו האָסט קיין רעכט מיך פאַרשפּאַרן. אין דול-

הויז איז דיין צָרט! איך קאָן פון דיר ניט ליידן איך בין ניט מחויב... חאַ-חאַ-חאַ (מיר האָט זיך געדאַכט, ער האָט געלאַכט...) זי פאַרשפּאַרט מיך, דאָרטן פאַרשפּאַרט און דאָ פאַרשפּאַרט... אָט איז מיר אַ טורמע, אַ ערגערע ווי דאָרטן...

נאָר איך האָב אויסגעהאַלטן און געשוויגן, דאָס האָט אים געררייצט, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר. אָט-אָט, האָב איך געקלערט, אָט=אָט הויבט זיך אָן — ער וועט מיך אָנשלאָגן. מיר האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט, פונקט ווי איך זאָל אויסטרינ= קען אַ שטאַרקע משקה, אַזוי איז מיר הייס געוואָרן אויפן האַרץ און פריילאַך. און איך האָב זיך אונטערגעשטעלט גרייט צו פאַר= זוכן דעם מאַנס קלאַפּ. ער האָט מיך גענומען טרייסלען פאַרן אַקסל שרייענדיק מיט קולות.

— ווילדע בעשעפעניש—דעם שליסל גיב!—אין דער רגע האָט ער מער אויסגעזען ווי משוגע: די האָר צופּודלט, דאָס פּנים לייוונט-בלייך און די אויגן זיינען אומגעלאָפן—אַזעלכע בלייענע פאַרגלאָסענע אויגן... מיר האָט זיך געוואָלט מיטן פויסט אַ זעץ געבן אים איבערן פּנים. דאָס פּנים זיינס איז שרעקלאַך געווען און איך האָב ניט געקאָנט איבערליידן. נאָר ער האָט מיך איינ= געלאָזן, און מיין האַנט איז אויך צוריק אַראָפּגעפאַלן. און ביידע זיינען מיר געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן און געקוקט גלייך אין די אויגן אריין. איך האָב אויסגעהאַלטן: און ער האָט זיין פּנים אָפּגעקערט מיט פעראַכטונג און שנאה...

און לאַנג האָב איך געהערט, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן שטוב. די טריט זיינען געווען פיבערלאַכע שווערע. מיין אויער האָט עס ניט געקאָנט פאַרליידן. איך האָב זיך ווידער באַהאַלטן אונטערן קישן און פאַרמאַטערט פון מיין נצחון בין איך איינגעדרעמלט שווער, ווי אונטער פרעסנדע שטיי= נער... אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט דער לאָמפּ אַלץ גע= ברענט ליכטיק און גלייכגילטיק; די זייגערס האָבן געשלאָגן פיר, און יאַשע איז געלעגן אין די קליידער אויף דער סאָפקע. האָב איך טאַקע אויסגעפירט. ער איז טאַקע ניט געגאַנגען... און מאָדנע איז מיר געווען:—אַ פרעמדע קעלט האָט דורכגענומען מיין גאַנצן

נפש... איך האָב דעם שליסל דערלאַנגט. ער איז ביי מיר געלעגן פאַררוקט אין אַ שפּאַלט אין דריטן חדרל אונטער אַ קליין קעסטל. איך האָב אָפּגעשלאָסן די טיר — איצט קאָן ער שוין פריי זיין מיין איינגעשלאָסענער... יאַשע איז ווי אַלע מאָל צו דער צייט אין פאַבריק אַוועק. איך בין געבליבן... איך האָב פּלוצלונג דערפילט, אַז פאַר מיין נעכטיקן נצחון האָב איך מיט דאָס לעצטע, וואָס איך האָב נאָך פאַרמאָגט אין לעבן באַצאָלט...— ער וועט דאָס מיר ניט שיינקען. דאָס וועט פונאַנדעררייסן שוין אינגאַנצן, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט צווישן איינאַנדער. הייסט עס — איך האָב פאַרשפּילט, אינגאַנצן פאַרלאָרן. און אין האַרצן האָט זיך דערפילט אַזאַ שרעק, אַזאַ ליידיקייט... לעבן מיר איז געוואָרן אַזוי טויט, אַזוי פרעמד... איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס איך האָב נאָך נעכטן געלעבט... איך האָב געמוזט איצטער אויך עפּעס טאָן, ווען ניט איז די גסיסה פון לעבן געוואָרן פאַר מיר זייער שווער. ווען ניט האָב איך געפילט, ווי איך גיי אַראָפּ פון זינען. די ליידיקייט אַרום מיר איז געווען אַזאַ שרעקלאַכע, אַזאַ פינסטערע: דער צער, וואָס האָט באַהערשט מיין גאַנצן נפש, איז געווען אַזוי גרויס. אַז איך האָב געמוזט עפּעס טאָן, כאָטש וואָס עס איז, נאָר די הענט זאָלן זיך באַוועגן, נאָר דער מוח זאָל כאָטש ווי פיל עס איז טעמפּער ווערן... איך האָב געקאָכט ווי נעכטן, געזוכט זיך מיטן מיטאָג, געגרייט דעם טיש, געשטעלט דאָס געפעס... און געפילט אַז דאָס איז אַלץ איבעריק. יאַשע איז אַריין און אַרויס, אויף מיר ניט אַ קוק טאָענדיק, אַ וואָרט ניט אויסגערעדט און קיינזאַך באַמערקט. דאָס עסן איז געבליבן אַזוי שטיין. אין שטוב איז ניט נאָר געווען אַן אומעט, — עס האָט זיך געפילט אַזאַ פרעסנדע מרה־שחורה, אַז איך האָב צום ערשטן מאָל מורא געקראָגן פאַר די ווענט מיט די הימל־בלויע אָבאָיעס. מיט די טויט־געלבע בלומען... עס האָט געדאַכט, אַז דאָרט, ווייט אין שטאָט, איז איצט אַ גרויסער תענית, אַ גרויסער געוויין, מענטשן קלאָגן און זייבען אין גרויס פאַר־צווייפלונג...

פאַר זעקס האָב איך פאַרנומען זיך טיי פאַרטיק מאַכן, נאָר אַז ער איז געקומען, האָט ער זיך געהאַלטן ווי בייטאָג. ער

האָט ניט גערעדט, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, און איבערקליידנדיק זיך אין די קליידער, אין וועלכע ער גייט אַלע מאָל אַוועק, איז ער געגאַנגען צום טיר... איך האָב פלוצלונג פאַרגעסן אונזער ברוגז: —

— גיי ניט! — האָב איך אויסגעשריען און איבערגעצאַמט אים דעם וועג. ער האָט ניט געהערט; ניט געקוקט אויף מיר; אויסמיידנדיק מיר איז ער אַרויס. איך בין אויך נאָך אים אַרויסגעלאָפן... אַליין בלייבן די נאַכט האָב איך שוין ניט געקאָנט. איך האָב געהאַט אים וואָס צו זאָגן, ריידן, פרעגן ביי אים, וואָס וויל ער פון מיר? נאָר ער האָט פאַר מיר אַפילו איין מינוט צייט ניט געהאַט... איך האָב זיך אים אָנגעהאַנגען אָן די אַרבל, גענומען איבשלעפן און רייסן. ער האָט זיך געריסן צוריק. איך האָב אים פאַרן האַלז אַרומגעכאַפּט און מיר האָבן זיך גענומען ראַנגלען אויפן שניי אין דרויסן אונטער אַ שטערנדיקן טונקעלן הימל... ער איז געווען שטאַרקער פאַר מיר, ער האָט מיך אַ שטויס געגעבן, איך בין געפאַלן, און ער איז געשווינד אַוועקגעגאַנגען...

עס איז נאָך פרי געווען, אַ פריענדיקער אָוונט. אין די אונטער-באַרג שטיבלאַך פון אונטער די פאָרהאַנקעלאַך האָט זיך אַרויסגעזען פייער. דאָרטן איז באַקוועם געווען, וואַרים און היימלאַך, איטליכער אַרבעטער איז געוויס איצט געזעסן מיט זיין הויזגעזינד און האָט טיי געטרונקען. די שוואַרצע קוימענס פון פאַבריק זיינען שטיל געשטאַנען, שטומע און צאָרנדיקע, און דערפאַר האָט זיך צולייגט איבער אַלע הייזלאַך אַזאַ שטילער אָפּרו... פון מיין שטיבל האָט זיך אויך אַרויסגעזען אַ ליכטיקער פייער, נאָר דאָרטן האָט זיך קיין נפש ניט געפונען. דאָרטן איז שטיל געווען... נאָר ערגעץ וואו איז געלעגן אַ באַהאַלטענער — שד... אַריינגיין אַהין איז שרעקלאַך געווען. איך האָב געוואוסט: —קוים טרעט איך נאָר איבער דאָס שוועל, שפּרינגט גלייך דער שד אַרויס, און דאָס שטיבל וועט פול ווערן מיט אַלערליי קולות און גוואַלדן... איך האָב געפילט ווי דער שד פון אינווייניק שפּאַרט זיך צו מיר אויך אין דרויסן. — און מיר האָט זיך געוואָלט שרייען, טומלען, און טאָן אַזעלכע מעשים, וואָס מען טוט עס ניט... איך האָב געפילט

ווי דער שד שפרינגט מיר אויף מיין קאָפּ, דרייט זיך אַרום מיר, טאַנצט מיר אַזש אין נשמה אַריין... איך האָב געמוזט טאָן הייסע זאַכן און טומלדיקע. און איך האָב זיך געוואָרפן אין שניי, גע-קייקלט, געשליידערט זיך, געוואַשן דאָס פּנים מיט דעם שניי, געשלונגען און געגעסן עס... עס איז מיר גרינגער געוואָרן אַ ביסל. דער ניט-מענטשלאַכער אומעט פון האַרץ איז אָפּגעגאַנגען, און דער צער מיינער איז ווי ווייכער געוואָרן, און איך האָב שוין ניט מורא געהאַט אין שטוב אַריין...

אין שטוב איז געווען שטיל, געהאָרכזאַם רואיק... אַלץ גע-לאַסן צעשטעלט — מיט אַ שטאַט, מיט אַ סדר. אַ גוטער לאָמפּ — יאַשעס אַ מתּנה וואָס די אַרבעטער האָבן אים אַמאָל געשיינקט — האָט ליכטיק און שיין געברענט אויף דעם גרויסן טיש מיט דער ווייסער אויסגעהעפטער טישטוך, — נאָך פון מיין גאָב... צוויי זיי-גערס האָבן געקלאַפּט איינער צום אַנדערן ווי זיי וואָלטן זיך אי-בערגערעדט אויף זייער רואיקן זאָרגלאָזן לשון.

— ווער וואוינט דאָ? ווער? — האָב איך געפרעגט אַרומ-קוקנדיק זיך איבער אַלע זייטן.

און מיר האָט זיך געוואָלט לאַכן און איך האָב געלאַכט, אַזוי לעכערלאַך איז דאָס אַלץ אויסגעקומען... און מיר איז פּלוצ-לונג אַריין אַ גליקלאַכער געדאַנק. פון׳ם געדאַנק איז מיר אַזש הייס געוואָרן — אַזוי קלוג איז ער געווען און אַזוי גוט: — איך וועל אַלע זיינע ביכער צערייסן, און זאָל ער וויסן. דערמיט וועל איך אַ גרויסע נקמה נעמען פון אים. יאָרן-לאַנג אַז ער קלייבט זיי, — איך וועל אין איין שעה אַתּל מאַכן פון אַלץ. ער האָט דאָ אַזעלכע פּאַפּירן — אַלע גוויטיקע און טייערע, וועלכע ער האָט קוים באַקומען... וועגן זיך האָב איך ניט וואָס צו קלערן, דערמיט וואָס איך וועל דאָס אָפּטאָן, האָב איך געוואוסט, גיי איך דאָ איבער אַ גרויסן גרעניץ, צוריק קומען איז שווער, נאָר איך האָב סיי ווי סיי ניט צוליב וואָס, און דער שד פון ערגעץ אַ פאַרשטעלטער, אַ באַהאַלטענער, האָט זיך ווי געריצט מיט מיר, געוואונקען און געהייסן, איך זאָל ניט קלערן, איך זאָל טאָן... אַ גאַנצער אַלמערל מיט ביכער, אַן אָנגעוואָרפענער טיש מיט בלעטער און זשורנאַלן

ביכער אַלערליי פון אויסלאַנד, ניט ערלויבטע, קוים ערוואָרבענע... און דער שד האָט געהייסן, געלאַכט ערגעץ מיט משוגענע העזיות, משונה׳דיקע און ווילדע, געשטופּט מיר אין די הענט...—און גרינג און גיך האָבן זיך געריסן, גאָר אָן טומל, ווייך און שטיל — די האַרטע פּאַפּיר מיט די טויזנטער פאַרשריבענע, געדרוקטע אותיותלאַך, ווערטער, געדאַנקען, איך האָב געריסן און געקוואָלן — איך האָב נקמה גענומען. איטליכן איינציקן שטיקל פּאַפּיר געריסן און איבערגעריסן, געטראָטן און פונאַנדערגעבלאָזן איבער׳ן שטוב. און דער שד האָט זיך שוין אויך ניט באַהאַלטן. ער איז שוין אין גאַנץ שטיבל געשטאַנען. ווילד און שרעקלאַך האָט אויסגעזען דאָס חדר.—קופּעס צעגעריסענע פּאַפּיר אומעטום,—און ווילד און קרום איז דאָס טישטוך געהאַנגען אויפן טיש, די ברעגן האָבן זיך געשלעפּט... און אַ שטול אַ שוואַרצער איז געלעגן מיט די פּיסלאַך אַרויף... איבער מיין גוף איז אַ מאָדנע קעלט אַריבער. — וואָס טו איך?—איז מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ. נאָר קלערן האָב איך ניט געקאָנט. איך האָב געמוזט ברעכן, רייסן, ווען ניט איז אומעגלאַך געווען צו אָטעמען אַפילו, איך האָב געמוזט שרייען, ווען ניט, איז דאָס אומגליק, מיט וועלכן עס איז פול געווען מיין נפש, צו גרויס און צו טיף, און ניט מענטשלאַך...

אַ ביטערע, פינסטערע ליידיקייט אַרום מיר. אַ ווילדער משונה׳דיקער אומעט, אַ כיפער צער.—און דער לאָמפּ אויפן טיש האָט עס אַלץ באַלויכטן מיט אַ שטיין-רואיגן פייער... איך האָב אים נור איין שליידער געטאָן, און ער איז געפלויגן ווייט צום טיר און האָט זיך פונאַנדערגעשאָטן אויף טויזנטער שטיקלאַך... דאָס גאַז האָט זיך אויסגעגאָסן, און פינסטער איז געוואָרן, אַ גראָבע, שוואַרצע פינסטערניש אין גאַנץ שטיבל... איך האָב שוין ניט מורא געהאַט. דעם שד האָב איך גובר—געווען. איך בין שטאַרקער געווען פאַר אים. איך האָב אים געלאַכט אין זיין העסליכן לאַכעדיקן פּנים אַריין. איך האָב געלאַכט אין דער פינסטער. און די פינסטערניש האָט ווי ווידערגעקלונגען מיט הונדערטער קולות, שרעקלאַכע און נאַרישע... די לופט אין חדר איז רויכערדיק שטיקענד געוואָרן פון פאַרגאָסענעם גאַז. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן

אויף דער ערד און געקוקט מיט אָפענע אויגן דער לאַנגער נאַכט אין די אויגן אַריין... מיין ערגסטער שונא איז אַפילו ניט חושד׳ וואָס צוטוט זיך דאָ. איין איינוואוינער אַפילו פון גאַנצן אונטער־באַרג קאָן זיך איצט ניט פאָרשטעלן, אַ וואָסער געשטאַלט מיין דירה האָט. אַלע מענטשן אויף דער גרויסער וועלט לעבן אין זייער אַלטן נעכטיגן שטייגער, און איך האָב שוין מיין סדר איבערגע־ריסן. איך בין אַרויס פון זיי און טו איצט וואָס איך וויל, און קאָן טאָן וואָס איך וויל, און וועל טאָן וואָס איך וויל... איך קאָן אַפילו איצט טאַנצן גיין. אומשפּרינגען אין דער פינסטער, אויס־קליידן זיך נאַקעט־הייל און קוליען זיך, און דרייען זיך... קיינער טוט עס ניט, און איך טו... און דער שד האָט ווידער געוואונקען מיר און געלאַכט צו מיר, און גערייצט זיך מיט מיר: — הוליע, שפּרינג, זינג, שריי, פייף און קער אַלץ איבער קאַפּויער!... און איך בין פון אָרט אויפגעשפּרונגען. האָב געטאַנצט און גע־דרייט זיך, געלאַכט און געקוליעט זיך, אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און געלאָפן אין דער פינסטער...

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע, נאָר איך האָב איר ליינג פאַר־געסן. עס האָט געדאַכט, אַז פון אָוונט, זינט מיין שונא איז אַוועק, איז אַ האַלבער דור אַוועק—ווי ווייט יענע צייט איז פון מיר! — און וואָס איך האָב מער געקלערט וועגן אים, אַלץ פיינטער האָב איך אים געקראָגן, אַלץ פרעמדער איז ער מיר געוואָרן. נקמה האָב איך געוואָרט פון אים נעמען, אַ בלוטיקע נקמה האָט מיין נשמה געדורשט. — איך וועל אים קיילענען, — האָב איך אָבגע־קלערט... און באַשלאָסן... מיט זיין בלוט קאָן איך זיך נאָר באַ־רואיקן. און דער נייער געדאַנק האָט מיך ווידער אויפגעהויבן און איך בין געקראָכן זוכן אין דער טאַפּענדער פינסטערניש. איבער אַלע ווינקלען זוכן די פאָליצע וואו די מעסער ליגן. איך האָב געפונען. איך האָב זיך געזעצט ביים טיר און געוואַרט ביז ער וועט קומען, ביז איך וועל קאָנען אַרויפפאַלן אויף אים...

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך האָב אויף אים געוואַרט. די פינסטערניש האָט אָפּגעשטופּט פון מיר די ליינג פון דער צייט. פלינקע, באַקאַנטע טריט האָבן זיך אויפן גאַניקל דערהערט... איך

האָב זיך אויפגעהויבן. מיין האַרץ האָט זיך אויך אויפגעהויבן. אין שויס ביי מיר איז געלעגן דאָס מעסער, מיט וועלכן איך האָב באַשלאָסן אים דערהרגענען. ער איז אַריין. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט זיך קענטיק פאַרוואונדערט אויף די פינסטערניש און אויף די שטיקענד — דומפּפענדיק לופט.

— וואָס איז דאָ!? — האָט ער אויסגערופן מיט שרעק. — און גלייך געריבן די שוועבעלאַך. גאָר איידער עס איז ליכטיק געוואָרן, בין איך אויף אים אַרופגעפאַלן. ער האָט אויסגעשריען. אין דער רגע האָט אַבליץ געטאָן אַ שוועבעלע, און מיט איין בליק קענטיק, האָט ער באַנומען דאָס גאַנצע בילד... ער האָט ווידער אויסגעשריען און האָט זיך אַוואָרף געטאָן צו מיר. דאָס מעסער, קענטיק, האָט ער באַמערקט און געוואָלט עס אָפּנעמען. זיינע הענט זיינען געווען שטאַרקע, אייזערנע, און ווי נור איך האָב מיין האַנט מיט דעם מעסער אויפגעהויבן, האָב איך צוריק באַקומען אַ שטופּ. ער האָט זיך באַמיט אין דער פינסטער כאַפּן מיין האַנט. דאָס געווער ביי מיר אָבצונעמען. און לאַנג האָבן מיר זיך גע־ראַנגעלט... דאָס מעסער איז אַראָבגעפאַלן, און מיר האָבן איינער דעם אַנדערן איינגעלאָזן. ער האָט ווידער געריבן אַ שוועבעלע און געקרעכצט. מיין מעסער האָט אים ניט פאַרוואונדעט נאָר גייענדיק איבערן שטוב און זוכענדיק אַ לאָמפּ האָט ער זיך געשאָקלט און געבויגן ווי פון אַ שווערן ווייטיק.

עס איז ליכטיק געוואָרן. און איך האָב מיין געווער ווידער גע־פונען און ווידער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און ווידער האָבן מיר זיך לאַנג געראַנגלט און ער האָט מיר ווידער גובר געווען. איך בין געוואָרן פלוצלונג שלאַף און געטרייסלט זיך נאַקעטערהייד. ער האָט מיך כמעט אויף די הענט אין קאַמער אַריינגעטראָגן און אין בעט איינ־געדעקט. איך בין געווען אָן כח. מיין אָטעם האָב איך ניט געקאָנט כאַפּן, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און אין מח האָט געזאָדן און קאַלט איז מיר געווען, אַ אינעווייניקסטע קעלט. ער האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן אין דער אַנדער בעט אויך פאַרמאַטערט און מיד. ביי אונז איז שטיל גע־ווען... איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ביי אונז אונטער דער פּאָדלאָגע דראַפּען זיך מייז... איטליכע נאַכט הער איך אונטערן בעט אַ געלאַף

פון פיל קליינע געשווינדע פיסלאַך. די מייז האָבן מיר זיך פאַר־געשטעלט — גרויסע, שוואַרצע מיט לאַנגע, האַרטע עקען, און איך האָב לאַנג געקלערט וועגן זיי... עס איז טאָג געוואָרן. דער אויפ־גאַנג פון ווינטער־טאָג איז מיר שוין באַקאַנט געווען. עס האָט מיר שוין דערעסן — אַ ליכטיק גרויער נעבעל, אַ רייער און אַ קאַל־טער, וואָס וועקט און שלעפערט איין. עס האָט מיר אויך דערעסן דער ליכטיקער אָבשיין און זון־אויפגאַנג ביי מיר אין קאַמער: — דער ברייטער, העלער פאַס ווי אַן אויפגעעפנטע טיר אין פינסטערן חדר... דאָס האָט מיך גערייצט. איך האָב פאַרמאַכט שטאַרק די אויגן, כּדי עס זאָל פינסטער זיין.

דאָס פייפעריי האָט זיך דערהערט, נאָר יאַשע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. וואָס ער האָט געקלערט, האָב איך ניט געקאָנט וויסן, ווי איך האָב ניט געוואוסט קיינמאָל, ער איז געווען פאַר מיר אַ פרעמדער מענטש, וואָס האָט מיר נור מיט זיין פּנים דער־מאָנט מיינעם זייער אַ נאָענטן אייגענעם... די זייגערס האָבן גע־קלאַפּט, — דאָס איז אויך אויסגעקומען נאַריש און איבעריק. וואָס עס האָט זיך צו טאָן אין ערשטן חדר: די אָנגעשליידערטע שטיק־לאַך פּאַפּיר מיט די אָנגעבראָכענע גלאָז־שערבלאַך, מיט מיינע קליידער אומעטום פונאַנדערגעוואָרפענע, — דאָס האָט שוין קיין פּנים ניט געהאַט פון שטענדיק. די זייגערס נור האָבן זיך קליי־מערשט געמאַכט ניט וויסנדיק פון אַלץ...

עס האָט שוין געשלאָגן זיבן. עס איז שוין געווען נאָך זיבן. און מיר זיינען נאָך אַלץ שטיל געלעגן. און אַז עס איז שטיל געווען, האָט מיך ווידער גערייצט די אָנגעצויגענע שטילקייט, אַ שווערע, אַ משונה׳דיקע — ווער קאָן דאָס איבערטראָגן... איך האָב געפילט, ווי מיך הויבט פון אָרט און אָט — אָט שריי איך זיך פונאַנדער. ווייל פון די שטילקייט באַקומט מיין מוח אַ מאָדנעם שטעכענדיקן ווייטיק, וואָס עס ווילט זיך וויינען און שרייען און גוואַלדעווען און קערן די וועלט...

עמיצער איז אַריין... יאַשע האָט געמוזט אויפשטיין זען, ווער איז דאָס, און די שטילקייט האָט זיך איבערגעריסן. איך האָב דערקענט נאָכן קול מיט וועמען יאַשע האָט גערעדט. דאָס איז

געוועזן אַ קריסטליכער אַרבעטער—אַדאַמאָוו. ער איז געקומען פרעגן ביי יאַשן, וואָס גייט ער ניט, און נאָך זאַכן וואָס איז שייך צו דער פאַבריק. ער איז געווען אונטער יאַשעס האַנט ביי די מאַשינען. יאַשע האָט אים געזאָגט, ער קאָן ניט אַוועקגיין—די ווייב איז קראַנק. אפשר, האָט ער געפרעגט ביי אַדאַמאָוון, ווייס ער, אָדער ווער ניט איז אַ דינסט... אויב זי קאָן, זאָל זי כאָטש שוין קומען. איך האָב ניט געקאָנט אויסהאַלטן. — יאַשע! — האָב איך אַ געשריי געגעבן, אַראָפּשפּרינגענדיק פון בעט:—יאַשע? דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו ברענגען אַהער אַ פרעמדן מענטשן, דו ווילסט, איך פאַרשטיי דיך, מיך אַרומשטעלן מיט שומרים, זיי זאָלן מיך היטן... דו מיינסט, איך וועל זיך שעמען פאַר פרעמדע מענטשן, איך וועל מורא האָבן.—זאָג איך דיר, אַז איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין מורא... אָט לויף איך אַרויס אַ הייל נאַקעטע פאַר דער גאַנצער וועלט. דו הערסט, מיך אַרט ניט, דו הערסט יאַשקע, איך האָב אַלץ אָנגעוואָרן...

און איך האָב געשריען, איך בין געלאָפן פון פאָרהאַנקע, נאָר יאַשע איז מיר אַנטקעגן געקומען און מיר האָבן זיך איינגעקייטלט איינער אין דעם אַנדערן...

— אויב דו ווילסט מיך ברענגען דערצו, זיך אַ טויט אָנטאָן,—האָב איך געשריען, — דאַרפסטו זיך ניט מאַכן אַזוי פרום און גיין הינטער אַרום מיט הינטער-געסלאַך... פאַרצאַמען מיר מיט פרעמדע מענטשן. אויב דיר איז ליב דיין לעבן, קאָנסטו זיך לעבן און טאַנצן פון גליק... איך—אָט זע: איך מאַך שוין פון זיך אַ סוף. איך האָב גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט... — און איך האָב זיך געריסן פון זיינע הענט און געשלאָגן זיך איבערן קאָפּ, און געריסן די האָר; איידער איך פלעג כ׳רעפן צו מיין קאָפּ פלעג איך זיך אָפּשלאָגן אָן זיין האַנט; און אַזוי האָבן מיר זיך געראַנגלט און געוואָרפן זיך פון איין ווינקל אין דעם אַנדערן... וועגן אַדאַמאָוון האָב איך ניט געקלערט, צי ער איז נאָך דאָ, צי ער קוקט אויף אַלץ, צי ער וואונדערט זיך... וועגן אים האָב איך גאָר פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט זיך אַליין דערהרגענען. איך האָב מיין אייגענע העמד אויף זיך צעריסן, איך האָב זיך געביסן

דאָס לייב, איך האָב זיך געשליידערט אויף דער ערד. איך האָב געוואָלט גיכער, גיכער דעם סוף... יאַשע האָט מיך ניט איינגע־לאָזן; ער האָט זיך אין מיר איינגעבונדן, און איך האָב ניט גע־קאָנט פון א״ם לייז ווערן... די הענט, מיט וועלכע איך האָב זיך אַלץ צו מיין האַלז געצילט האָט ער מיר אויף הינטן פאַרדרייט. איך האָב אַזוי הויך געשריען אַז איך בין הייזעריק געוואָרן. נאָר איך בין מיט איין מאָל שטיל געוואָרן... עס האָט זיך געטראָפן אַ מאָדנע זאַך:—יאַשע האָט זיך הויך אויפן קול פאַרנאַנדערגעוויינט. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען וויינענדיק... אַזאַ געוויין איז שרעקלאַך געווען. איך האָב נאָר איין מאָל געהערט, ווי מיינער אַ קרוב, אַן אַלטער מאַן האָט מיט אַזאַ יאָמער באַוויינט זיינעם אַ יונגן איינאיינציקן געשטאָרבענעם זון... איך האָב אין גאַנצן נפש דערפילט אַ טיפן רחמנות.—ווי אַ קליין רויטע פינטעלע אין אַ גראָבער גרויסער, פינסטערניש, האָט פּאַר מיר געבלאָנדזשעט אַ קליין דריי־יאָריקע מיידעלע, מיין רבהלע. איך האָב זי גאָר ווי פאַרגעסן, יאַשעס געוויין האָט מיר זי דערמאָנט... וואו איז זי מ״ין קליין טאָכטערל? און איך האָב אויך אָנגעהויבן וויינען, יאַשע האָט מיין געוויין ניט געקענט הערן, ווי איך זיינעם. ער איז אויפ־געשפרונגען פון אָרט און אַרומגעלאָפן איבערן חדר. זיינע טריט זיינען געווען פלינקע און שווערע, איך האָב זיי ניט געקאָנט הערן און האָב געוויינט און געריסן זיך די האָר, און געקלאַפּט זיך אין ברוסט, און געביסן די פלייש, און געקריצט מיט די ציין...

---

און דערנאָך זיינען אַוועק נאָך פיל טעג. איך בין משוגע, האָבן אַלע באַשטימט. מען האָט מיך געוואָלט היילן, נאָר איך האָב ניט דערלאָזן. דעם אונטער־באַרגיקן דאָקטאָר האָב איך צו זיך ניט צוגעלאָזן. איך האָב אים פון אַלע צייטן פיינט געהאַט. ער איז זייער דיק און זייער רואיק; און שטענדיק האָט מיר זיין פּנים דערמאָנט אַ צייטיקן קירבעס, וואָס איז גרויס ניט אויפצוהויבן און האָט אַ ווערט פון דריי גראָשן. ער האָט מיר פאַרשריבן אַ רפואה, איך זאָל דאָס אויסנעמען עטלאַכע מאָל אַטאָג. נאָר איך פלעג

דאָס אויסגיסן. דער גאַנצער אונטער־באַרג האָט געוואוסט פון מיין קראַנקהייט. אַנדערע פון זיי פלעגן זיך באַמיען פאַרבייגיין — אפשר וועלן זיי הערן מיינע געשרייען. אַנדערע, צוליב יאַשען האָבן אויסגעמיידט מיט אים זיך צו באַגעגענען, כּדי זיין צער ניט אָנצוקוקן. די לייט וואָס פלעגן קומען צו אונז, האָבן מיך גע־רייצט און פון געדולד ארויסגעבראַכט... די מאַמע מיינע פלעגט קומען יעדן פרימאָרגן און אָפּזיין ביי מיר ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס האָט מיר זייער דערעסן. איך האָב ניט איבערגעטראָגן אירע טרערן און אירע רייד. זי האָט באַקלאָגט אַ גרויסן אומגליק, אָבער אירן, ניט מיינעם... — צרות מיינע גרויסע,— פלעגט זי קלאָגן, — געהאָדעוועט, געהאָדעוועט, געבליבן אַ קליין יתומהלע פון טאַטן, געהאָדעוועט און אָבגעהיט ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל, געלערנט און געפּוצט, און איצטער — אָט האָסטו זיך אַ נחת. אויף די עלטערע יאָרן... — זי האָט איר נחת פאַרלאָרן. צו איר נחת האָט זיך גע־פאָדערט, איך זאָל יעדן טאָג אָנקליידן זיך אין שיינע קליי־דער און זאָל צו איר אין געסט קומען, און ווייטער דאַרף זי ניט. וואָס מיט מיר צוטוט זיך, אויב ביי מיר צושפּרינגט מיין האַרץ. ברענט מיין מוח... צוגייט מיין נשמה — צי דאָס דאַרף זי וויסן? צי דאָס האָט איר געאַרט?... איך פלעג אין כּעס זיין און שרייען אויף איר און טופּען מיט די פיס כּדי זי זאָל ניט ריידן... מיינע שטיף־שוועסטער פלעגן אויך קומען. כּלומרשט ריידן מיט מיר, ווי מען רעדט מיט אַ נאַרישן קינד, נאָכגעבן מיר און אָפּנאַרן. איך פלעג זיי אויסווייכן און מיט זיי אַ וואָרט ניט וועלן ריידן. איטליכע באַוועגונג מיינע פלעגט מען באַמערקן און שושקען זיך וועגן דעם און ביי זיך אַנדערש איבעררייד̈ן. מיינע אַ מומע באַשקע איז געקומען לכתחילה צופאָרן פון שטאָדט און געטענהט, מען זאָל מיך היילן, און אויב מען מוז מיך אין דול־הויז אַוועקפירן וואָרום זשע פירט מען ניט?... אויב דאָס דאַרף קאָסטן געלט. דאַרף מען ניט קאַרגן — ביז דאָס לעצטע. אויב ביי מיין מאַן קלעקט קיין הוצאות ניט, דאַרף מען בעטן ביי קרובים, ביי גוטע לייט. זי אַליין גיט צו שטייער... געקומען מיין שטיף־טאַטע און גאָר גע־הייסן, — אויב איך וועל נאָר מאַכן עסקים, מיט אַ גוטן רוט שמייסן,

דאָס איז די בעסטע רפואה פאַר די לייט, האָט ער געזאָגט... דאָס איז געווען אָוונט־צייט, איך האָב געכאַפּט אַ ברענענדיק לאָמפּ פון טיש און אים זי געוואָרפן אין פנים. ער איז אָפּגעשפּרונגען ניט גע־שאַטערהייט. איך האָב אים נאָך צוגעזאָגט אַני'אַנדערש מאָל. אײב ער וועט דאָס שוועל אַריבער, אַ מעסער אין זיין פּעטן בויך אַ ריינשטעכן.

אַז איך בין משוגע, האָב איך געוואוסט ניט אַזוי פון זיך ווי פון זיי אַלעמען. מען האָט גערעדט הויך וועגן דעם און עוצות געגעבן וואָס צו טאָן מיט מיר, ווען איך בין דערביי געזעסן. יאַשען האָט עס גערייצט... ער איז געווען דער איינציקער, וועלכן איך האָב געקענט איינליידן. מיר איז פיל גרינגער, ווען ער האָט זיך נאָענט לעבן מיר געפונען, און איך האָב נאָך ווי עס איז געקענט אַראָפּשלינגען אַ ביסן, ווען ער האָט מיך געבעטן. נאָר ווי ער איז נאָר אַרויס, האָט זיך מיין אומעט פאַרגרעסערט און אַ שווערע מרה־שחורה האָט מיך אַרומגעוויקלט און איך האָב זיך קיין ווינקל ניט געפונען. איך האָב זיך געפונען פאַרשפּאַרט, אַרומגעצאַמט, אַרומגעשטעלט מיט די ערגסטע וועכטער, וואָס קאָ־נען מיך שמייסן, ווען זיי ווילן, וואָס ווילן מיך אין דול־הויז אַוועקפירן.

יאַשע איז שוין אין פאַבריק ניט געגאַנגען. ער פלעגט לעבן מיר זיין נאַכט אין נאַכט, זיין אויפגעוואַכט צו מיינע שטיק, צו מיינעווילדע חלומות. ער האָט געטראָגן אַן אַנדער פנים. ער איז געוואָרן בלייך, און זייער אָפּגעמאַ־ערט, אויסגעדאַרט, אַרומגעוואַקסן, און זיינע אויגן האָבן פיבערלאַך געזוכט אַרום... די מעסערס און די איבעריקע שאַרפע זאַכן האָט ער פאַרשלאָסן... ריידן מיט מיר פלעגט ער ווייניק, נאָר שטענדיק, וואָס ער פלעגט מיר זאָגן איז געווען מיט גוטן און ווייך. איך האָב דאַכט זיך, געקראָגן מער ווערט פאַר אים זיינענדיק אַ קראַנקע ווי אַ געזונטע, מיט משוגעת —מער ווי מיט אַ קלאָרן זינען. איך האָב מיט אים אויך ווייניק גערעדט. איך האָב שוין גאָר קיין רייד ניט געהאַט. דער מענטש־לאַכער גלאַטער לשון איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. איך פלעג זיך וועלן איינהאַלטן, איך זאָל ניט ריידן נאָכאַנאַנד איין וואָרט, נאָר איך האָב ניט געקאָנט. האָב איך נאָר איין וואָרט אַרויסגע־

רעדט. האָב איך דאָס ניט געקאָנט אָפּשטעלן... געדאַנקען האָב איך געהאַט סאַמע מאָדנע, סאַמע קינדערשע און נאַרישע. ווען איך וואָלט זיך וועגן וויכטיקס פאַרקלערן, וועגן דער ווירקלאַכקייט, וואָלט איך דאָס ניט אויסגעהאַלטן. דאַמאָלסט האָב איך געמוזט אַ טויט איבער זיך אָנטאָן. דאָס לעבן האָט ביי מיר אַלץ אָפּגענומען. איך האָב זיך געפונען בלאָנדזשענדיק איינע אַליין אין אַ וויסטעניש אַ צעברענטע פון אַ שרעקלאַכן דאָרשט... אַ פאַרלאָזענע... אויב איך האָב נאָר געמאַכט ביי זיך אויף אַ ווײַלע אַ הסכם אויף מאַטערן זיך נאָך און לעבן, האָב איך געמוזט פאַרנעמען מיינע געדאַנקען מיט אַלע קליינע זאַכן, מיט אַלע קינדערשע. איך האָב געקלערט וועגן די שוואַרצע מייז וואָס טאַנצן אום אונטערן פאָדלאָגע. שעהן־לאַנג פלעג איך אָפּקלערן וועגן אַ קליין מיידעלע—איך אַליין, — וועלכע פלעגט אַלערליי קונצן אָפּמאַכן איבער אַ גרויסן שפּריגנ־רייף, אַ מתנה פון מיינער אַ מומען. אַ מיידעלע בין איך געווען אַ גליקלאַכע און אַלע האָבן מיר אַ פולע גליק צוגעזאָגט...

אַז איך פלעג זיך פאַרטראַכטן, פלעגן די שטוביקע מיינען, גאָט ווייס וואָס אין מיין מוח קומט פאָר, און פלעגן זיך שרעקן און באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלאַך, ערוואַרטנדיק פון מיר, איך ווייס אַליין ניט וואָס.

עטלאַכע מאָל זיינען געקומען פון שטאָט דאָקטוירים און צוזאַמען מיט דעם אונטערבאַרגיקן געוואָלט מיך באַטראַכטן, געפינען אין מיר ריכטיקע סמנים פון משוגעת. איך בין געווען דאַמאָלסט אויסער זיך און האָב זיי טאַקע אַלערליי משוגענע שטיק באַוויזן. קיין רפואות האָב איך ניט גענומען. איטלאַכן מאָל די רפואה אויסנעמען האָט מיך צו טרערן געבראַכט, און איך האָב דאָס אָן דער ערד געוואָרפן... און טעג זיינען געגאַנגען, און וואָכן זיינען אַוועק...

אויף יאַשעס אָרט אין פאַבריק איז שוין אויסגעשריבן געווען אַן אַנדער מאַשיניסט, אַ דייטש... מיר האָבן נאָך געוואוינט אין דירה, נאָר מיר האָבן געדאַרפט שוין פון איר אַרויס. יאַשע האָט אַפילו גאַנץ גוט פאַרדינט, נאָר ער איז געווען אַ גרויסער

בעל-צדקה און דעריבער האָט זיך ביי אים קיין גרויסע געלט ניט געקענט קלייבן. איצט, אַז אַלץ איז אָפּגעלאָזן געוועז, קיינער האָט ניט געהיט און אַכטונג געגעבן, עס האָט זיך אומעטום גע-בראָכן און געשאָטן,—איז גיך אַוועק דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטעס געלט. יאָשעס געדאַנקען זיינען געווען, אַז צו פרילינג צו זאָלן מיר ביידע ערגעץ אַוועקפאָרן. וואוהין, האָט ער נאָך ניט אָפּגע-קלערט. ער האָט געקלערט וועגן געלט. איך האָב שוין מיין נייעם קינד דערפילט... איטלאַכס צאַפּל זיינס האָט ביי מיר אויפגעוועקט שווערע געדאַנקען... דאָס קינד, וואָס איז אונטער דער ברוסט ביי מיר געלעגן, איז אַלעמען געווען אַ איבריקס... פאַר זיין געבאָרן האָבן זיך אַלע נעשראָקן, און איך נאָך מער פאַר אַלעמען... איך האָב איטלאַכס מאָל נאָכגעפרעגט זיך וועגן רבהלען, נאָר מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט דאָרטן ביי דער מאַמען אַ גוטע ניאַנקע און קימערט זיך ווייניק וועגן איר מאַמען...

און אַזוי האָט זיך די צייט געריקט. אַ טאָג אַן ערגערער, אַ טאָג אַ גרינגערער; אַ טאָג מיט מער שטיק, אַ טאָג מיט ווייניקער. אַ טאָג האָב איך גאָר אָפּגעשריען און אָפּגעוויינט, אַן אַנדערן גאָר שטיל געזעסן און מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, מיינע קליידער זיינען שוין געווען אַלע צעריסן, צעשאָרן מיט דער שער; די בעסערע כלי-בית צעבראָכן, פון אַלץ כמעט אַ תּל געמאַכט... און אַזוי איז זיך געגאַנגען אַ טאָג פאַר אַ טאָג. דאָס האָט אַלעמען פאַרמאַטערט און פון געדולד געטריבן. עס האָט געדאַכט, עס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען, מיר אַליין איז דאָס ערגער גע-ווען ווי אַלעמען. לעבן אַזוי—אַ לאַנגן לעבן איז אוממעגלאַך גע-ווען. עס האָט געמוזט נעמען אַ סוף. און איך האָב געקלערט וועגן סוף. איך האָב באַשלאָסן—אַ טויט זיך אָנטאָן. לאַנגע טעג פאַר-צאָגטע און פינסטערע, איינערלייאיקע, אָן אַ שטיקל פאַרענדערונג האָבן מיר מיין בלוט געסמט. דעם טויט מיינעם האָב איך אַנדערש ניט געקאָנט זען — אַ רויטן, אַ בלוטיקן, אַ פלוצלאַכן אויף דעם ווייכן, ווייסן שניי ביי אונז אונטערן פענסטער... ביי נאַכט, האָב איך געקלערט, ווען קיינער וועט זיך ניט כאַפּן. וועל איך זיך אַרויסגנבבענען און איבערשניידן זיך דאָס האַלז... איך האָב געהאַט

באַהאַלטן אַ שאַרפן גרויסן שפּיציקן קיך=מעסער. די איבריקע זיינען פאַרשלאָסן געווען אין שרייב=טיש ביי יאַשען און ער האָט קיינס אויפן שטוב ניט אַרויסגעלאָזן, נאָר איינער איז געלעגן ביי מיר אין שלאָף=חדר אויפן טישל הינטער דעם וועק-זייגערל איינגעוויקלט אין אַ בלוי=סאַמעט זעקעלע, מיט וועלכן איך פלעג אַמאָל שפּאַצירן גיין... יאַשע האָט אָפט געקוקט אויפן סאַמעט זעקעלע און ניט געטראָפן, וואָס דאָרט ליגט באַהאַלטן. איך האָב אויך געקוקט אויף דעם און געקלערט, אַז קיינער, קיינער ווייס ניט, וואו מיין טויט איז, אַז ער שטייט מיר צוקאָפּן אַלע נאַכט און אַלע טאָג, און לויערט מיר נאָר די האַנט אויסציען, דערלאַנגען דאָס מעסער, אַרויס דרויסן ווען עס ווערט טונקל,—און דאָס ווייסע שנײי באַגיסט זיך מיט מיין רויטע צאַפּלדיקע הייסע בלוט...

---

דער ווינטער איז געגאַנגען צום סוף. די טעג זיינען שוין לייגער געוואָרן און פריילאַכערע. אַ ליכטיקע, פריילאַכע זון פלעגט לאַנג איבער דער ערד שטיין. איך האָב דערפילט עפּעס אַנדערש אין זיך. מיך האָט מער געטריבן ערגעץ ניט ווייסנדיק וואוהין. דער שטאַרקער, גרויסער הזק, וועלכן מיין נפש האָט באַדויערט, איז ווי נאָך גרעסער געוואָרן און איך האָב געבענקט און געזאָרגט, געקרעכצט און געוויינט.

איך האָב צו ביסלאַך שוין אָנגעהויבן שלאָפן, נאָר דער שלאָף האָט ביי מיר מיט זיינע משונהדיקע חלומות צוגענומען מער געזונט, ווי צוגעגעבן...

דאָס איז געווען איינמאָל... נאָך אַ שווערן טאָג אין וועלכן מיין בענקעניש האָט זיך באַזונדערש שווער אַרויסגעגעבן, בין איך ביי נאַכט איינגעשלאָפן. איך האָב געזען אַ שווערן חלום. פון אָנהויב איז שטיל געווען, — אַ געוויינלאַכע שטילקייט, דערנאָך איז ווי טומלדיקער געוואָרן. דאָס פייער פון היינג=לאָמפּ איז ווי גרעסער געוואָרן, ווי מיט איין מאָל אָנגעצונדן. און שדים אַלערלייפיל און פול האָבן זיך איבערן גאַנצן שטוב צעלאָזן... איך בין געווען אין קאַמער ביי זיך און פון דער עטוואָס אָפּגערוקטער פאָראַנקע האָב איך אַלץ צוגעקוקט. די שדים האָבן געהאַט מאָדנע

געשטאַלטן: מיט בערד און אָן בערד, מיט פּנימער און אָן פּנימער; בײַ אַנדערע האָב איך נאָר קעפּ געזען, קיין קעפּ אויך ניט — אַרומגעזעגטע קלעצלאַך... שדים... מאָדנע שדים... זייערע גופים כּסדר גרויע, אַרומגענייטע מיט געלבע און ווײַסע קנעפּלאַך... איבער מיר איז אַ משונה-אימה אַריבער. שדים... זיי האָבן געטאַנצט, איבערן טיש געשפּרונגען, זיי האָבן מיט די פיס צוגעקלאַפּט און מיט אַ לעפל אין אַ טאָץ צוגעפּויקט... איך האָב זיך איבערן קאָפּ איבערגעדעקט, נאָר דאָס ליכטיק פײַער, וואָס זיי האָבן געמאַכט, זייערע רייד—טומלדיקע און שושקענדיקע האָבן מיר ניט געלאָזן איינליגן, און איך האָב זיך צוריק אָפּגעדעקט, און ווידער געקוקט דורכן שפּאַלט פון פאָרהאַנקע. און פּלוצלונג, ניט ווייסנדיק אַליין, וואָס איך טו, בין איך פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען און געלאָזן זיך לויפן דורך דער פאָרהאַנקע אין שטוב אַרײַן.

איך בין שטיין געבליבן. איך האָב געמוזט אויסשרײַען. אַלע שטולן האָבן זיך אָפּגערוקט, און פּנימער, פיל פּנימער, בערדיקע און געגאָלטע, אַלע שרעקלאַכע און העסלאַכע, האָבן זיך צו מיר אַ קער געטאָן. און צווישן זיי—יאַשע, וועלכער איז צו מיר צוגעלאָפן, און פאַרשטעלנדיק מיך, און שטופּנדיק מיך צוריק אין קאַמער, האָט ער מיך געבעטן:—חנה, חנהלע, איך בעט דיך, גיי לייג זיך, זיי רואיק, שרעק זיך ניט... נאָר איך האָב אים פון זיך אָפּגעשטויסן, ער האָט מיר פאַרשטעלט. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך שטיי הייל-נאַקעט, נאָר אין איין נאַכט-העמד, מיט צעלאָזענע האָר, אַ באָרפוסע, מיט הײלע אָרימס, איך האָב געוואָלט זען, גוט זען,— ווער זיצט דאָרטן צעזעצט בײַ אונז אין גאַנצן שטוב. און איך האָב דערזען... אפשר אַ מאָן אַכט צו צען, אַלע אין גרויע קליידער מיט זילבערנע קנעפּ, אַנדערע זיינען אַזוי זיך געזעסן, אַנדערע האָבן איבערגעלייגט אַ גאַנצן אָנגעלייגטן טיש מיט פּאַפּירן. איינער איז אויפגעשטאַנען, עפּיס געמורמלט צו מיר, איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס. יאַשע האָט מיך מיט געוואַלד אַרײַנגענומען אין קאַמער, מיך אײַנגעדעקט אין בעט און געבעטן רואיק זײַן. איך האָב געהערט זײַן שטילן שעפּטשען איבער מיר — מײַן באַענסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט, מײַן טייערער...

אַ זיסקייט האָט זיך צעגאָסן איבער מיין האַרץ...—יאַשע, יאַשינקע, ליבער מיינער,—האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן גאָר ווי געזונט, גאָר ווי אַמאָל,—יאַשינקע וואָס איז דאָס?..

— זיי נאָר רואיק, חנהלע, איך בעט דיך... נאָר מען האָט אים אַרויסגערופן פון מיר, און איך בין געבליבן אַליין... דער שפּאַלט פון פאַראַנקע איז נאָך זיין אַרויסגאַנג גרעסער געוואָרן, און איך האָב אָנגעשטרענגט געקוקט אַהין... אַנטקעגן מיר פּונקט אויבן אָן איז געזעסן אָנגעבויגן איבער אַ קופּע פּאַפּיר אַן אַלטער, אַ גראָבער, מיט אַ קיילעכדיקן אָפּגעשאָרענעם קאָפּ און מיט אַ רויטן פּנים. פּלעגט ער נאָר אויפהויבן זיין פּנים, פּלעג איך דערפילן אַ מאָדנע שנאה צו אים. איך האָב דאָס פּנים ניט געקאָנט איבערטראָגן. דאָס איז ניט געווען קיין שד... אַ שד, דאַכט מיר, איז שטענדיק בויגיק און געשווינד, האָט אַ דינינקן פּישטשענדיק קול, האָט פלינקע בעוועגונגען און שאַרט זיך אום געשווינד איבער אַלע ווינקעלאַך... דאָס איז געווען אפשר דער שטן אַליין—אַ גראָבער אַן אָנגעגאָסענער, אַ שווער-בעוועגנדיקער... און זיין קול איז געווען הייזעריק און אַלט, און זיין פּנים העסלאַך ניט אָנצוקוקן... ערגעץ ווערים דאַרפן זיך געפינען, ערגעץ אויף דער גרויסער וועלט, גרויסע, גרויסע ווערים, אָנגעזויגענע, אָנגעצופּטע מיט מענטשן-בלוט. און אַ שרעק, און אַ שנאה, מיט עקל און פאַראַכטונג האָט זיך ביי מיר צו אים דערוועקט... די בלוט זיינע האָט מיר געדאַכט, איז ניט ווי ביי אַלעמען:—רויטע און וויין-שיינע, ביי אים דאַרף זיין בלוי-שוואַרצע, געדיכטע, מיט שמאַלץ דורכגעווייקטע... איך ווייס וואָס צו טאָן, האָב איך זיך דערמאָנט... אָט ליגט איבערגעבויגן זיין גראָבער האַלז, אַ נידעריקער און אַ פעטער,—איך שטעך נאָר אַריין מיין שפּיציקן באַהאַלטענעם מעסער, און זיין בלוט גיסט זיך אויס, די העסלאַכע, מיאוסע בלוט..

דאָס איז ער דאָך!—האָב איך זיך דערמאָנט,—אָט דער איז דאָך דאָס, וועלכער האָט מיר מיין גאַנצן לעבן מיין רו צוגענומען. ער האָט מיר מיין יוגנט אונטערגעהאַקט, ער האָט מיך משוגע געמאַכט... איך ווייס, ווער ער איז. ווען איך האָב אים דערזען

מיט זיינע געזונטע טרעטנדע טריט, און זיין גרויען מאַנטל מיט די בלישטשענדע קנעפּלאַך, האָב איך, נאָך אַ קליין קינד זייענדיק, קיין אָרט ניט געפונען, וואו פון אים צו באַהאַלטן זיך, מיין גורל איז געווען אין זיינע הענד... נאָך אַ קליין מיידעלע זייענדיק, האָב איך, אים דערזעענדיק, געפילט אין אים מיין שטאַרקסטן שונא אין לעבן. ער איז מיין אייביקער שונא... ער... ער... און די לאַנגע שלאָפלאָזע ווינטער-נעכט האָב איך נאָר אים געזען. ער האָט ביי מיר איטלאַכע רגע צוגעכאַפּט מיין יאַשען... ער איז די שרעקלאַכסטע בריאה צוליב וועלכע איך האָב זיך אייביק געצאַפּלט געשראָקן און לעבן ניט געקענט... אָט-אָט זיצט ער זיך אַזוי רויִק קאַלט... אָנגעזעטיקט פון מיין לעבן, אָנגעטרונקען פון מיין בלוט... איך מוז מיט דעם מעסער פון אים נקמה נעמען...

און איך האָב זיך געגנבעט שטיל, אַז קיינער זאָל ניט הערן, איך האָב דעם שפּיציקן מעסער באַקומען. מיינע פיס זיינען באָרבעס געווען, און די טריט מיינע האָבן זיך ניט דערהערט... מען האָט מיך נאָר באַמערקט, ווען איך בין, הויך אויפגעהויבן דאָס מעסער, גלייך צוגעלאָפן צום אויבן-אָן... אַלע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן נאָך מיר. אין חדר איז געוואָרן עפּעס שרעקלאַכס... מען האָט מיך געשטויסן און געשטופּט, און געריסן. איך האָב געצילט זיך צו מיין ציל—צו דער גראָבער האַלז... צו די כּלומרשט פאַרוואונדערטע אויגן מיט דעם כּעסדיקן מיאוסן גלאַנץ אין זיי... איך האָב אים פיינט... ער שרעקט מיך איצטער ניט. ער רופט ביי מיר אַרויס אַ גאַל-געפיל. און וואָס גיכער ווילט זיך מיר אין זיינע וויכע פלייש דאָס שאַרפע שפּיץ אַריינשטעכן... אַלע האָבן געשריען. אַלע האָבן מיך געכאַפּט. איימיצער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלייצע... דער קלאַפּ איז געווען אַ שטאַרקער, און איבגאַנצן גוף האָט זיך מיר ווי אַ גאָס געטאָן... יאַשע האָט אָנגעהויבן שרייען.—זיין קול האָב אין דייטלאַך געהערט. עמיצער האָט מיר אַ צווייטן זעץ געטאָן. איך האָב זיך געמוזט צובויגן,—אַזוי שטאַרק איז ווידער דער קלאַפּ געווען... נאָר פונדעסטוועגן האָט מיין מעסער דערלאַנגט... איך האָב דערזען נאָענט פאַר מיינע אויגן ווי אַ גאַנצע פאַרגאָסענע טייך בלוט... רויטע בלוט, וואַרימע בלוט,

מענטשלאַכע בלוט... און קולות אַלערליי משונה־ווילדע, אָנזינענ־
דיקע. און שדים האָבן ווידער געשפּרונגען, געטאַנצט, געקוליעט
זיך... געשטופּט זיך איבער מיר... איינער איז געפאַלן איבערן
אַנדערן, איינער האָט מיך געריסן פון צווייטן... און דייטלאַכער
פון אַלץ האָב איך געהערט יאַשעס קול, אויך אַ ווילדן און
אַ שרעקלאַכן: — שלאָגט זי ניט!... שלאָגט זי ניט!... וואַגט זיך
ניט אָנרירן זי!... נאָר דער קול האָט זיך דערטרונקען אין שטאַרקן
טומל. די שדים האָבן אים איינגעשלונגען מיט זייערע ווילדע
ברומענדיקע קולות... די בלוט האָט זיך געגאָסן און רוישנדיק גע־
שפּריצט... איך האָב נאָר געזען פאַר די אויגן רויטע, רויטפּאַרגאָ־
סענע קאָליאָרן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

# אַ בלעטל.

אונזער גאַס וואו מיר וואוינען, איז די גידריגסטע פון שטאָט, סאַמע אונטן, סאַמע די אָרימסטע... כסדר הילצערנע הייז־לאַך איינגעבויגענע, צובראָכענע. דער הויף פון אונזער דירה איז אַ לאַנגער און שכנים זיינען דאָ — ניט איבערצוציילן. אַלערליי מיני בעלי־מלאכות, אַלערליי מלמדים, אַלערליי אַזוי זיך זענענדיקע, אַלערליי ווייבער בעל־פּרנסהדיקע — און עס קאָכט ביי אונז און עס קעסעלט. כסדר נייסן: נח דער טשעסלער איז פון אַ לייטער אַראָבגעפאַלן; סענדער דער סטאָלער האָט זיך צוויי פינגער צוהאַקט; ברײנע די ציקאָרניצע האָט זיך אַ האַנט אָבגעבריט, און מען שרייט און מען ליאַרימט. שכנות זידלען זיך, קריגן זיך און רכלותן; קינדער שטיפן, לויפן אום וואַרפען זיך מיט בלאָטע און מיט שטיינער. שוין אפשר אַ זעקסטן מאָל היינטיגן טאָג, אַז מען מאַכט מיר צו פון דרויסן דאָס לעדיל און אַ סוף, סווערט נאַכט, אויס אַרבעט, כאָטש לייג זיך שלאָפן. דאָס איז דעם בלעכערס בן מיט זיין חברה. און אַז איך גיי עפענען די לאָד (אַ זעקסטן מאָל) ווערט אַ הוראַ, אַ געלעכטער, אַז דאָס לעבן ווערט ניט ניחה... „אָך אָ! דעם רבינס מיידל דעם רבינס מיידל״! שרייען זיי און וואַרפן אויף מיר מיט וואָס מען כאַפּט נור, און מען לאַכט, און מען זידלט מיך. דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרדינט ביי זיי, דאָס איז אויך דערפאַר, וואָס מיין טאַטע, דער רבי, האָט זיי עפּעס שלעכטס געטאָן, — דאָס איז גלאַט אַזוי. מיין טאַטע האָט קיינעם ניט אָנגערירט, קיינמאָל אין לעבן קיינעם ניט מביש גע־ווען. מיין טאַטע, צו ווען ער האָט נור גערעדט, זיינען זיינע ווערטער געווען ווייכע, רחמנותדיקע. גערעדט האָט ער אַלע מאָל מיט אַזאַ קול, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקן, צו אַן אומגליקליכן. געשטאָרבן מיין טאַטע—ניטאָ אים, און גאָר, זאָל כאָטש די וועלט

אַ קלער טאָן, אַ טראַכט געבען — געווען אַ מענטש, אַ טייערער, אַ זעלטענער, און ניטאָ אים.

געשטאָרבן מיין טאַטע—און ביי אונז אין שטוב גופא איז אויך, ווי ער וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. אונזער דירה די זעלביקע (מיר וואוינען דאָ אין דעם געסל שוין דאָס זעכצענטע יאָר), די כלי-בית די זעלביקע, ביי אונז איז נאָר איין בעט צופאַלן. און דאָס עצם-לעבן אויך ווי פריער: דער זעלביקער רעטאַך—די ערשטע געריכט, דער זעלביקער שיטערער קרופניק — אויף פּאַרזופן, און פאַרטיק. די מאַמע איז איצט פאַרחושכט, פאַרצאָגט, און איז דעמאָלט אויך אַזוי געווען. דער טאַטע האָט אויף קליידונג ניט אויסגעבראַכט — שטענדיק איין גרין-געלע קאַפּאָטע און שטיוול צולאַטעטע, צעקרימטע. אָפּט קלער איך, פאַרט וואו איז אַהינגעקומען דעם טאַטנס פרנסה, זמן אין זמן דאָס קנעלונג, ביז די כוחות זיינען אַרויס, ביז דאָס לעצטע שטיקל לונגען איז צופוילט געוואָרן.

מיין עלטערער ברודער דוד—וואָס שטיקט ער זיך הינטערן אויוון אין דעם פינסטערן "קאַמערל"? וואָס באַהאַלט ער זיך שטענדיק פון דער ליכטיגער זון? קוק איך אָן בחורימלאַך אין זיינע יאָרען פון אונזער גאַס, פון אונזער הויף — אַלע מיט עזות, מיט גרויסקייט, ווי זיי האַלטן זיך אויך מענשען-גלייך, לאַכן און שטיפן, מיין דוד נור באַהאַלט זיך פון אַלעמען. אַז דער רעטאַך איז שוין אָנגעשניטן, די מאַמע רופט צום טיש, — גייט ער קוים אַרויס אַן איינגעבויגענער, אַ בלייכער, אַ שעמעדיקער. און אַז ער קוקט אויף אַלעמען, פינטלען זיינע אויגען. איך קאָן די לעצטע צייט בשום אופן ניט זען, וועלכע זיינען זיי ביי אים (זיי האָבן זיך אומגעביטן) און אַז ער רעדט צו עמיצן איז זיין קול אַ ציטערדיקער, אַ צו-האַקטער. וואָס קלערט ער איבער אין דער פינסטער?

מיין יונגערער ברודער, בערל, זיצט שוין גאָר אין שטוב ניט איין, קיינמאָל איז אים ניט אָנצוזען אין דער-היים, וואו ווערט ער פאַרפאַלן — ווער ווייסט! אים שטיקט, קענטיג, די לופט פון אונזער דירה, אים איז שווער, איך פאַרשטיי. אָט ווי ערשט איז דאָס געווען, געדיינק איך אים שטייענדיק אויף אַ לייטער אָדער

אויף אַ שפּיץ פון אַ דאַך, און גאָר אָן דאגה, רואיק באַטראַכט ער זיך די גרויסע פאַרבויטע וועלט. אָט הער איך די מאַמעס קולות און קללות, ער זאָל אַראָפּ, גענוג, שרייט זי, אַ בחור פון עלף־צוועלף יאָר דאַרף שוין אָפּקלערן זיין מעמד, וואו ער האַלט אין דער וועלט. נאָר ער קוקט אויף איר און אויף אונז אַלעמען מאָד־נע, מיט אַ מין פאַראַכטונג. קאָנטיק, אין דערהייך שטייענדיק, די גאַנצע וועלט זעענדיק, זיינען מיר אַלע ביי אים אויסגעקומען שוואַכינקע, קליינינקע, צונויפגעוואָרגענע, האַלב־דערשטיקטע... איצט קריכט ער שוין ניט אויף דעכער. ער באַקלערט שוין, קאָנ־טיק, זיין מעמד; וואו האַלט ער אין דער וועלט, האָט ער שוין, קאָנטיג, אָפּגעקלערט...

דאָס לעבן איז דאָס זעלביקעס. מיין מאַשינע שטייט ביי דער זעלבער פענסטער. איך שטיי אויף אין דער פרי אין דער זעלביקער צייט און ניי כמעט די זעלבע אַרבעט... קומט צוגיין אַ שכנה פון גאַס, ברענגט מיר פון פּראָסטע לייוונט אויפנייען אַ פּראָסט העמד, צאָלט מיר אָפּ אַ קליינינקייט — און גאָר...

איך האָב זיך אויסגעלערנט נייען ניט ווילנדיק. איך בין נאָך גאָר אַ קליינע געווען און האָב געהאַט אַ קרובה אַ ניי־טערקע, פלעג גיין צו איר נאָך שטיקלאַך פאַר די ליאַלקעס — איך האָב זיך דערווייל נייען געלערנט. איך האָב גענייט אַ פּאָר יאָר אין אַ געהויבענער גאַס, גענייט גוטע אַרבעט פאַר געהויבענע לייט. דערנאָך האָט זיך מיר געמאַכט אַ נס, אַ מציאה: איך האָב אָפּגע־קויפט אַן אַלטע צעבראָכענע מאַשינע, און בין געוואָרן אַ צעבראָ־כענע נייטערקע. מיט מיין אַרבעט קאָן איך זיך שוין ניט ווייזן אויף דער רעכטער גאַס, איך האָב שוין פאַרגעסן גוט געניי. איך ניי נאָר פּראָסטע מלאכה פאַר פּראָסטע מענטשן, און מיין לעבן גייט אויך אַוועק פּראָסט און וואָלוול.

קוק איך זיך אָן אַלע אונזערע שכנים, אַלעמען פון אונזער געסל — זע איך אַ וואָלוועלע קופּע. עמיצער האָט עס וואָלוול אָפּ־געקויפט, האָט פאַר זייער גאַנצן לעבן מער ווי אַ גראָשן ניט בעגעבן.

איך האָב פֿיינט צו גיין אין יענע גאַסן, וואו עס איז ליכטיק און ריין, און מענטשן גייען אום גאָר אַנדערע, — זייערע פּנימער זיינען ווייסע און גלאַטע און רואיקע, און זייערע קליידער פון סאַמעט און פון זייד. איך קוק אויף זיי,—זיינען זיי מיר פרעמד. איך ווייס זייער לעבן ניט און וויל ניט וויסן. אַ שנאה דערוועקט זיך מיר אין האַרצן, איך פאַרגין זיי ניט. איך האָב זיי פֿיינט...

גיי איך אין אונזער גאַס—באַגעגן איך אונזערע לייט, איך קוק זיי אָן: אויסגעגאַנגענע, אויסגעבויגענע אויסגעדאַרטע,—און אַרומגעריסענע, קוים דער לייב צוגעדעקט. איך האָב זיי אויך פֿיינט. דאָס רחמנות-געפֿיל, וואָס זיי דערוועקן אין מיר, עגבערט מיר טיף-טיף, ביז דער נשמה. פֿיינט האָב איך אַלץ, וואָס אַרום מיר טוט זיך. פֿיינט האָב איך אַלעמען, די גאַל אין מיר—פּלאַצט, צעגייט און שוימט און פאַרגאַלט מיר מיין לעבן...

אַנדערע מיידלאַך פון אונזער געסל אין מיינע יאָרן זיינען פריילאַך, — איך קוק זיי אָן און וואונדער זיך. הויך קאַמען זיי זייערע האָר, שטעקן אָן אַלערליי שפּילקעס און קעמעלאַך, שפּאָרן פון עסן און קויפן זיך שיך מיט הויכע אָפּסאַצן... ניט דאָס, קלער איך מיר, ניט דאָס קאָן מאַכן פריילאַך, ניט דאָס קאָן אַראָפּנעמען דעם אומעט פון האַרצן. מיר דוכט, אַז איך זאָל זיך אויספּוצן, איך ווייס אַליין ניט ווי, וועלן אונזער דירה, אונזער גאַס און אַלע אונזערע אַלץ בלייבן די זעלביקע...

אונזער דירה איז אַ רויכיקע, אַזוי ווי אַלע דירות פון אונזער גאַס. טאָג ווי נאַכט קייקלט זיך אַ רויך, אַ טשאַד. מיר ווערן פאַרפינסטערט און האַלטן זיך קוים פון קאָפּ-ווייטאָג. קאָכט מען ביי אונז, — קאָן מען דאָס געקעכטס אין מויל ניט נעמען פון רויך; טריקנט מען ביי אונז גרעט, — קאָן מען דאָס ניט אָנטאָן: עס שטיקט אַ רויך. דער רויך—פון אינעווייניק, פון דרויסן נעמט אַרום אונזער געסל, נעמט אַרום—און פאַררויכערט, פאַרפינסטערט, פאַרסמט אונז. און עס ווערט פון אונז אַ שווייגענדיקע קופּע. איך הער זיך אָפּט איין, ווי עס הודזשעט ביי אונז אין קוימען, און ווי דער ווינט וואַרפט די לעדלאַך. דאַמאָלט וואונדערט מיך די

שטילקייט ביי אונז. שטיל איז אַזוי ווי אַלע וואָלטן ערגעץ ליגן באַהאַלטענע און שווייגנדיקע,—מערניט, עס הודזשעט און קלאַפּט אַ ווינט—אַ בייזער און אַ שלעכטער.

בשעת איך ניי, קוק איך דורכן פענסטער, און כסדר זע איך הייזלאַך צעשטעלטע אין אַ בלאָטיקן געסל. די הייזלאַך—אַלע שוואַרצע, צעקרימטע. און העכער איבער זיי שטייען אויפן באַרג־צו ווייסע, הויכע סלופּעס—דאָס איז דער אָסטראָג. דער אָסטראָג שטייט אויף אַ הויכן אָרט, ווייט פון אונז, אָבער אונזערע שכנים פון טאָל זעען אים גוט אַרויס. ער שטייט אַ הויכער, אַ שטאַרקער און רואיקער און קוקנדיק אויף אים ווערט מיר נאָך אייגגער, נאָך שווערער אויפן האַרצן. עס דוכט, אַז מיט זיין ווייס, שטאַרק געביי פאַרשטעלט דער אָסטראָג אונז דאָס ליכטיקייט, די שיין פון יענער זייט, פונוואַנען אַלע פרי־מאָרגן לייגט זיך אַ גאָלדענער פּאַס, אַ רויטלאַך פייער.

אין אונזער הויף וואוינען שכנים — האַלבע, אָפּגעריסענע שטיקלאַך געזינטן. די איבעריקע זייערע זיינען ערגעץ צעפאָרן, וואָגלען זיך ערגעץ. צו מיר קומען שרייבן בריוו — ווייבלאַך צו זייערע מאַנען, מאַמעס צו זייערע קינדער, שוועסטער צו זייערע ברידער, און קינדער צו זייערע טאַטעס. קומט צו מיר שפרה די אַלמנה, וואָס האַלט זיך אויף ביי חיים דעם קורצן, — זי וויינט איבער מיר די אַלטינקע, איך זאָל אירע קינדער דאָס האַרץ אויס־וויינען. „זאָלסטו, זאָגט זי, שרייבן, אַז איך האָב ניט וואו אַ נאַכט איבערנעכטיקן". קומט צו מיר באַשקע, אַיונג ווייבל מיט צוויי קינדער אויף די הענט. „שרייב, בעט זי, אים, דעם מאַן, ער זאָל וויסן, אַז איך בין געזעסן הייגטיקן דאָנערשטאָג אַ ניכטערע ביז דער נאַכט, אַז פאַר די קינדערלאַך האָבן שכנות אַ ביסל קרופּניק אַריינגעטראָגן". — „בעט כאָטש אַ בריוועלע — דעם איינציקן נחת מיינעם,—בעט נאָך אַ ווייבל, נאָך אַ יינגערעס און מיט צוויי קינ־דער ביי זייט. און אַז איך זעץ זיך שרייבן פאַר זיי, לויפן, לויפן ביי מיר די ווערטער—שטעכנדיקע ווערטער... האַרטע ווערטער...

וואָס וועט זיין דער סוף, ווייס איך ניט. די מאַמע, די באָבע פלאָגען זיך מיט דעם סוף—וואָס וועט זיין? זיי קנאַקן די פינגער

און זיפצן שווער, און טאָפּטשען פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן די מאַמע מיינע, זינט איך קען איר, איז שטענדיק מיט עפּעס אומרוהיג: ווי זי דאַרף עפּעס טאָן און ווייס זיך ניט ווי צו נעמען דערצו; סיי טאָג, סיי נאַכט, עפּעס ווי אַ שווערע זאַך זאָל איר פּרעסן דאָס האַרץ—סיי אין שלאָף, סיי אין וואַך דער זעלביקער קרעכץ. און הערט מען, ווי זי קרעכצט,—ווילט זיך אויך קרעכצן, ווילט זיך וויינען, ווילט זיך שרייען, ווילט זיך פון אומגעדולד איבער זיך אַ מעשה אָנטאָן. די באָבע וויינט פּשוט. ביי איר, פאַרענטפערט זי זיך, איז דאָס האַרץ שלאַף און שטענדיק איבערגעחלשט און אגב, זאָגט זי, וויינט זי אויף די אַלטע יאָרן; דעם אַלטן איז דער טאָג ניט ליב, דער טאָג פון לעבן, אַז ער דערמאָנט זיך אויף שטאַרבן.

אַז איך הער, ווי זי באַדויערט איר עלטער, קוק איך און זוך מיין יוגנט. די יוגנט מיינע—וואו איז זי? מיינע, און מיינע ברידערס, און מיין שוועסטערס, און מיינע חברטעס, און אַלע מיינע שכנים׳ס פון גאַס?

די מאַמע מיינע זאָגט: עס איז אַ רחמנות אויף אונז מיידלאַך. מיר דאַרפן, זאָגט זי, האָבן נדן, מיר דאַרפן, זאָגט זי, חתונה האָבן. ווען ניט—זיינען מיר פאַרפאַלן, ווען ניט, זאָגט זי, גאָט ווייסט וואָס וועט פון אונז ווערן. רעדט זי אַזוי, קאָכט זיך די באָבע, און די ווייבער, די שכנות, שאָקלען מיט די קעפּ און באַדויערן און באַוויינען זייערע טעכטער. איך, אַז איך הער זייערע דבורים, ווילט זיך מיר לאַכן... אַנטקעגן אונזער דירה וואוינט אַ יונג ווייבל, ערשט נאָך דער חתונה,—ער אַ שניידער, זי אַ שניידערין. ביי זיי איז אַ שלעכט לעבן, — נאָר מען קריגט זיך, נאָר מען שלאָגט זיך. אַ ביסל ווייטער וואוינט ווידער אַ יונג ווייבל — אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה,—איין קינד אויף דער האַנט, דאָס צווייטע פאַרן האַנט. אָרים איז זי און פינסטער, גאָר ניט דער פּנים, גאָר ניט דאָס אויסזען, וואָס אַמאָל. שטענדיק האָב איך זיי אין זינען, און שטענדיק קלער איך וועגן זיי. פאַרביטערטע זיינען זיי און אומגליקלאַכע. און אַז איך קלער וועגן זיי, גיי איך ביים פענסטער און שטעפּ אויף דער מאַשינע, און וואָלט וועלן,

אַז די הייזעריקע אייזערנע קולות זאָלן פאַרטויבן, פאַרטומלען אַלע מיינע געדאַנקען.

שווערע געדאַנקען זיינען מיינע, און שווער קלערט אויך, קאָנטיק, מיין ברודער, איך וואָלט זייער וועלן זיך מיט אים צונויפריידן — אפשר קלערן מיר איינס. לאַנג, לאַנג איז עס שוין, דוכט זיך, אַז ער איז אַ קינד געווען, ווייט איז זיין קינדהייט אַוועק. און עס דוכט זיך, אַז שטענדיק איז ער געווען אַזאַ איינגעבויגענער, אַ פאַרטראַכטער, אַן אומעטיקער. און מיר ווילט זיך צו אים צוגיין, אַרומנעמען און גלעטן אים, ווי אַ קראַנקן, ווי אַן עלנטן, ווי אַ סכנהדיקן חולה. נאָר מיר ריידן קיינמאָל ניט: מיר שעמען זיך. איך קאָן מער ניט ווי אַרויסזאָגן אַ געוויינלאַך וואָרט: דוד, גיי עסן. אָדער: דוד, דו ווייסט ניט וואו איז די מאַמע געגאַנגען, אַ? אָדער: דוד, האָסטו ניט געזען דעם מעסער? און ער אויף אַלץ ענטפערט ער מיט אַן איינציקן „ניין", אָדער ער ענטפערט גאָר ניט. ער אַליין קומט אויס אַפילו אָן די איינציקע ווערטער, וועלכע איך געברויך, — ער זוכט אַליין דאָס מעסער, דערוואַרט זיך שטומערהייט די מאַמען, און צום עסן וואָלט ער גערן געווען, מען זאָל אים ניט רופן. אַז ער זיצט מיט אונז ביים טיש איז ער גערן וואָס גיכער אָפּפּטרן זיך; אים איז שווער צו זיצן מיט אונז, ווי עס הויבט אים פון אָרט, ווי עס טרייבט אים: די באָבע הוסט זיך פונאַנדער און קרעכצט, די מאַמע זיפצט פון האַרצן און קנאַקט די פינגער. גנעשקע אונזערע זיצט אַ בלייכע, אַ טויט-קראַנקע, אָן אַ טראָפּן בלוט, אָן אַ פרייקייט פון אַ קינד. און אַ פליג זשוזשעט ביי אונז אויפן פענסטער און זשוזשעט, און זשוזשעט — און ס'דוכט זיך, אַז אין אַלץ איז נאָר די פליג שולדיק.

וועגן מיין ייִנגערן ברודער בערל קלער איך... מיר דוכט, מען קאָן אים נאָך עפּעס טאָן, עפּעס דערכאַפּן נאָך... דערהאַלטן.. ער קאָן נאָך געראַטעוועט ווערן—נאָר ווי אַזוי?

קוק איך אָן מיין בערלען, קלער איך. וואָס וויל ער, וואָס אַנטלויפט ער, וואוהין לויפט ער? איז דאָרטן,—וואו ער באַהאַלט זיך גאַנצע טעג און אַ שטיק פון דער נאַכט, — בעסער ווי ביי

אונז? ציטערט ניט זיין קינדערשע נשמה, צאַפּלט ניט פון אַן ענגן שווערן שרעק? וואָס ערוואַרט אים אויף די ליכטיקע טראָטואַרן, אין די שענע גאַסן, בעת ער שפּאַצירט זיך אַרום — אַרום די רייכע, די זאָרגלאָזע לייט?...

אין די נעכט, אין די לאַנגע שווער־פּויזנדע נעכט, נעמט מיר קיין שלאָף ניט: ביינאַכט איז ביי אונז נאָך שווערער, מיין בעט שטייט אין דעם פינסטערן חדר. איך שלאָף אינאיינעם מיט דער באָבן. ביינאַכט צאַפּלט און שטיקט מיך דער אַלטער באָבעס גוף... איך קאָן זיין צורירן צו מיר ניט איבערליידן, דער גוף איז אַלט, איז מיאוס, איז קראַנק. איר אָטעם איז צעפוילט און שווער. איך ווער יעדע נאַכט דערוואָרגן. אין די נעכט נעמט מיר קיין שלאָף ניט. איך וואַרט אויף מיין יינגערן ברודער. איך הער זיך צו צו יעדן שאָרך. ביי מיר הויבן זיך די האָר אין דער הויך, ביי מיר קילט דאָס בלוט ביי איטלאַכער באַוועגונג, איך טראָג ניט איבער די מאַמעס קרעכצן — די שווערע, די שטיינערנע. איך קאָן די נעכט ניט פאַרטראָגן — זיי זיינען שרעקלאַך, זיי פּויזן און פּויזן זיך, און זיינען ניט אַריבערצוטראָגן דערמיט שוין אַליין, וואָס מאָרגן דאַרף ווידער טאָג ווערן.

איך הער זיך צו: אַלע אונזערע שכנים כסדר זיפצן און שטופן די טעג. זיי מאַטערן זיך, ווי מען וואָלט זיי איינגעשפּאַרט, איינגעצאַמט אין אַ פינסטערער אייביקער תפיסה.

די טעג ציען זיך אייניצקווייז, ציען זיך פּאַמעלאַך און לאַנג, — און אַלע אינאיינעם לויפן זיי מיט איינמאָל אַריבער. עס קומט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע נאָכאַנאַנד אַוועקגעקייקלט גיך און האַמאַטנע ערגעץ־ערגעץ ווייט, פון אַ בערגיק אָרט אין אַ טיפן, אַ פינסטערן אָפּגרונט. און עס ווערט אַזוי האַרץ־בענקענדיק דערנאָך, פּונקט ווי דאָס שטיק צייט וואָלט זיין דאָס בעסטע, דאָס פריילאַכסטע אין לעבן.

עס ווילט זיך, גיכער זאָל דער טאָג אַוועק, עס זאָל נאַכט ווערן. קומט די נאַכט, ווערט מוראדיק באַנג דער טאָג, און עס ווילט זיך די נאַכט זאָל אַריבער.

ביי טאָג, אַז איך זיץ ביי דער מאַשינע און ניי, דער רויך

קייקלט זיך און פאַרוויכערט, פאַרפינסטערט אונזערע פנימער, פאַרטשאַדעט אונז.—קומען צו אונז שכנות, אַלע ווייבער צעזעצן זיך מיט זייער אַרבעט: ווער פליקט פעדערן, ווער מאַכט אַ זאָק, ווער נייט אַ זאַך, ווער האַלט אַ זויג-קינד, און מען שמועסט. עס ציט זיך אַ לאַנגע, אַ לאַנגע מעשה אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף. אַלע ווייבער מיט איין נוסח, מיט איין ניגון. מען דערציילט: ווער איז קראַנק, וועמען האָט מען אין הקדש אַוועקגעפירט, ווער זיצט אָן ברויט, אויף וועמען מען קלייבט פון שטאָט, וועמעס עופעלאַך נעבאַך פאַרגייען, שמאַכטן פון הונגער. איך הער צו, און עס צעווייטאָגט זיך מיר דער קאָפּ, און עס קלינגט מיר אין די אויערן, און עס קלאַפּט מיר אין מיין האַרץ און איך קאָן ניט איינזיצן. און אַז די ווייבער צעגייען זיך, ווען עס ווערט פאַרנאַכט, מוז איך אַרויס אין דרויסן, איך מוז זיך אָפּקילן, איך מוז אָפּעטעמען...

ביי אונז אין געסל ווערט פריער נאַכט ווי אומעטום, פונקט ווי דאָס פינסטערניש וואָלט זיך צו אונז גיכער געאיילט צו קומען. פאַרנאַכט באַקומען אַלע הייזלאַך, אַלע דעכלאַך, אַלע קוימענס פון אונזער געסל אַן אַנדער אויסזען: פינסטערע אומבאַשטימטע שטיקער, פונאַנדערגעוואָרפענע אברים—ביינערדיקע און קאַליקע— פון אַ קראַנקן, העסלאַכן גוף... איך קוק אין די פענסטערלאַך ווען מען צינדט אָן פייער. איך קוק אויף די פייערלאַך,—אומעטיקע זיינען זיי, נאָר לעבעדיקע... לעבעדיקע—און זיי באַוועגן זיך.

אַז מען צינדט ביי אונז אָן פייער, אַרבעט איך שוין ניט ביים פענסטער. איך נעם מיר אַן אָרט ביים טיש, וואו אַלע זיצן און שטופּן זיך איינער אויף דעם אַנדערן. נאָר מיר איז ענג מיט אַלעמען, מיר איז שווער. — די מאַמעס קרעכצן זיינען מיר צו נאָענט, די באָבע מיט די רויטע אויגן קוקט אויף מיר שוין צופיל... מיין ברודער דוד זיצט מיר אַנטקעגן אַ פאַרטראַכטער, אַן אומעטיקער... מיר ווילט זיך אויסשרייען... אָפּשטויסן אַלע און אַלעמען... לייז ווערן... אַוועקלויפן...

---

# די שכנה.

די שכנד איז קראַנק אויף שווינדזוכט.

איר דירה איז אַ קליינע, פון צוויי חדרימלאַך אויף צוויי פענסטער אין הויף. די בעטן זייגען דאָרט קיינמאָל ניט פאַרבעט, די ווענט ניט אַרומגעריבן, ניט אויסגעקערט, דאָס געפעס ניט צעוואַשן, און אומעטום, אויף אַלץ אָנגעוואָרפן און אָנגעמאַכט. די קינדערלאַך ווייגען שטענדיק און יענצען—נאָר זיי ווילן וואָס, נאָר זיי פעלט עפּעס; זיי זייגען ניט אַרומגעוואַשן, ניט אויפגעפוצט, שטענדיק האַלטן זיי זיך אָן די מאַמען און שלעפּן זי און ציען זי און פּלאָנטערן זיך איר אונטער די פיס; און אירע, אַזוי אויך שווערע באַוועגונגען מאַכן זיי נאָך שווערער... דאָס שוואַרצע קלייד הענגט איר איבער די פיס און וואַלגערט זיך אויף אירע טריט.

דרויסן ווען זי קומט אַרויס, איז זי שטענדיק איינגעוויקלט אין אַ אַלט-אויסגעריבן גרויען געוואַנט-טוך, איבערגעדעקט נידעריק איבערן שטערן; עס זעען זיך נאָר אַרויס טיפע, איינגעפאַלענע אויגן—גרויסע, ווילד בלישטשענדיקע מיט אַ קראַנקן פייער, און אַ אויסגעצויגענע נאָז, אַ בלייכע מיט אַ טונקל-געלבן פלעק אויפן מיטן. זי קאָן לאַנג ניט איינשטיין, זי מוז זיך צוזעצן אויף דאָס קלאָץ וואָס ליגט אין הויף; נאָר די קינדערלאַך באַפאַלן זי און ווייגען איבער איר, און רייסן זי, און צופּן זי, — האַרטהאַרציק זייגען זיי די קליינינקע... וואָס ווילן זיי פון איר? וואָס לאָזן זיי איר ניט צו רו?... נאָר מען קאָן אויף זיי אין כעס ניט זיין: זיי זייגען אַזעלכע קליינינקע, בלייכינקע און עלנטע... קוקנדיק אויף זיי, לעכערט זיך דאָס האַרץ פון רחמנות... יתומימלאַך... היינט—מאָרגן שטאַרבט זיי אָפּ זייער מאַמע, איז שוין כמעט ווי אָפּגעשטאָרבן...

די קינדערלאַך לאַכן קיינמאָל ניט און שפּילן ניט. דאָס יינגערע מיידעלע—אַ יאָר דריי—איז שטענדיק מיט אַ פאַרשמוציקט פּנימל פון טרערן; שטענדיק איז עס אומרואיק, און שטענדיק פאַרלאַנגט עס עפּעס... זעלטן נאָר שוויגט זי, — דאַמאָלסט איז זי פאַרטראַכט, דאַמאָלסט קוקן אירע טונקעלע אויגלאַך, ברייט געעפנטע, ערגעץ אָן אַ זייט, ווי זיי זעען עפּעס, ווי זי פאַרשטייט עפּעס ביטערעס און שרעקלאַכס...

זייער טאַטן איז זעלטן אינדערהיים אָנצוזען: ער איז אַ פאַרנומענער אַ גאַנצן טאָג. ער דינט ערגעץ אין אַ קאַנטאָר און קומט נאָר צו נאַכט אַהיים. ער איז נאָך אַ יונגערמאַן, נאָר מיט אַ פאַרעלטערטער יוגנט; ער איז אַ בלאָנד-בערדיקער, אַרומגעוואַקסענער, אַ אָפּגעלאָזענער און אַ שווייגעדיקער...

ווען די שכנים ריידן מיט דער קראַנקער, קלייבן זיי אויס דבורים גלאַטע און גרינגע, וואו לעבן און טויט ווערט ניט דערמאָנט. אַז מען רעדט מיט איר, היט מען זיך און מען ציטערט, מען זאָל זיך ניט אָנגעמען; און מען רוקט זיך שטילערהייט אָפּ פון איר... און אַז מען דערזעט זי, ווערט שווער אויף דעם האַרצן אַלע פריילאַכקייט פאַרדעקט זיך דאַמאָלסט, און עס דערמאָנט זיך אַ שרעקלאַכע זאַך—דער טויט...

שבת, יום-טוב רוט די קראַנקע כלומרשט אויס, און דער מאַן פאַרנעמט זיך מיט די קינדערלאַך. דאַמאָלסט רייסן זיי אים און וויינען און מאָנען, און לאָזן אים ניט אָפּעטעמען, — וואָס ווילן זיי פון אים?.. ער איז אַזאַ פאַרמאַטערטער, אַזאַ פאַרצאָגטער, אַ פאַרצווייפלטער... נאָר די קינדער זיינען קליינינקע, פּיצינקע און פאַרשטייען גאָרנישט, נאָר זיי ווילן עפּעס, נאָר זיי דאַרפן וואָס...

זי היילט זיך נאָך — אַ גאַנצעס פענסטער מיט פלעשעלאַך אָנגעשטעלט, נאָר, קאָנטיק, זיי פאַרשטייען, אַז קיין הילף איז שוין פאַר זיי ניטאָ, און זיי זוכן שוין ערגעץ קיין הילף — אונטערגעגעבענע, אומגליקלאַכע און שווייגנדיקע...

מען זעט זיי צוזאַמען קיינמאָל ניט ריידן, ניט פאַרברייגען, קיין טעמע געפינט זיך ביי זיי ניט... זיי האָבן שוין וועגן

אַלץ ווי אָפּגערעדט, דאָס וויכטיקסטע, גרעסטע וואָרט איז שוין אָפּגעזאָגט... און זיי לעבן... נאָר דאָס איז קיין לעבן ניט; זיי דערוואַרטן נאָר פון לעבן דעם טויט: איטליכער מאָרגנדיקער טאָג קאָן זיי דעם טויט ברענגען; ער קומט היינט ניט, נאָר ער דאַרף מאָרגן קומען... אָוונדס פאַלט אַן אימה דרויסן אַרויס; עס דאַכט: אָט-אָט טראָגט זיך אין טונקעלן הויפל דער טויט, אָט-אָט שטייט ער שוין—אַ שוואַרצע מוראדיקע קופּע—אָנגעבויגן איבערן ניד-ריקן פאָרהייזל... אָט-אָט... ער ציט נאָר רגעות אָפּ... ער ציט אָפּ, און די קראַנקע פאַרגייט זיך, דערשטיקט זיך מיט אַ שטענדיקן, שלעכטן הוסט...

דער הוסט... זי הוסט שוין שטיל, אָבער אָפּט, אָן כּח... אַ סקרוכע גייט איבערן גוף, דערהערנדיק דעם הוסט. מען מוז אַ קלער טאָן, וואָס וועט זיין דער סוף... נאָר מען ווייסט דעם סוף. מען וויל אים ניט, מען דערשרעקט זיך, — נאָר מען וויל אים... עס ווילט זיך, זאָל שוין גיכער זיין, גיכער, נאָר אָפּגע-פּטרט... עס איז אָנגעצויגן און ניט איבערטרעגלאַך. געזונטע מענטשן רייצט עס און מאַכט אומגעדולדיק... ליגט זיך ווי אַ שווע-רע, שלעכטע ערוואַרטונג אויף דעם נפש... און עס ווילט זיך שוין איבערקומען... געזונטע מענטשן ווילן לעבן, און שרעקן זיך, און צאַפּלען זיך פאַרן טויט, און וואָלטן טויזנטער אַנדערע אָפּ-געגעבן, אַבי זיך ניט.

אָוונט-צייט. אַז דער מאַן קומט, ווערט דאָס שטיבל באַ-לייכט פון אַ צווייענדיקן פייער: איינס שטעקט אינמיטן באַלטן אין אַ פאַררויכערטן גלאָז, קוקט אומעטיק פון אויבן אַראָפּ ווי פאַרדאגהט; דאָס צווייטע איז אַ אויפגעלייגטעס ביי דעם אויוון, אַ פלאַטערדיקס—דאָס קאָכט דער יונגער מאַן עפּעס אויף צונאַכט עסן... אומעטיק מאָלט זיך אָפּ זיין איינגעבויגענער וואוקס ביים אויוון שטייענדיק פאַרטראַכט און ווי גלייכגילטיק; אומעטיק מאָלט זיך אָפּ די קראַנקע, זוכנדיק איבערן חדר, טאַפּנדיק, כּלומרשט אויפראַמענדיק... די קינדערלאַך זיינען דאַמאָלסט ווי רואיקע, סודן זיך אָדער דרעמלען, אויבן-אָן אויף דער קאַנאַפּע זיצנדיק... אימת-מות הערשט אין אַלע ווינקלאַך...

אין אַ קאַלטן, רויען הערבסט־פרימאָרגן האָבן זיך די שכנים פון הויף דערוואוסט, אַז דאָס ווייבל איז געשטאָרבן... ווי אַזוי? ווען און וואָס?... — האָבן אַלע געפרעגט און איינציקווייז אַרייננעגאַנגען אין שטיבל אַ קוק טאָן.

אויף דער ערד, אין ערשטן חדר איז געלעגן דער בר־מינן — אַ לאַנגער, אַ אויסגעצויגענער; אַרום האָבן געברענט עטלאַכע ליכט, און אַ פּאָר אַלטע יידן האָבן תהלים געזאָגט.

קיין זייטיקע מענטשן איז ניט געווען. איינער עפּעס אַ יונגערמאַן האָט זיך מתעסק געווען און געווען ווי אַ באַלעבאָס. אָן דער זייט. אויף אַ טיש האָבן שמשים געבייט ווייסע לייוונט... שטיל... מערניט דער איינטאָניקער ניגון פון תהלים...

דעם מאַן האָט מען ניט געזען. איטלאַכער, ווער עס איז אַריין, האָט אים מיט די בליקן געזוכט איבער אַלע ווינקעלאַך...

אין אַנדער חדרל, הינטער דער פּאָרהאַנקע, זיינען זיך געזעסן אויף אַ בעט ביידע קינדערלאַך האַלב געקליידטע; זייערע פּנימלאַך זיינען נאָך מער פאַרשמוציקט געווען ווי אַלע מאָל; זיי האָבן שטילערהייט געבלעטערט אַ גרויסן אילוסטרירטן בוך. דאָס יינגעלע האָט איטלאַכע אויסמאָלונג פּאַרטייטשט און מיטן פינגערל באַוויזן; דאָס מיידעלע האָט נאָכגעקוקט און צייטנווייז שווער און טיף אַרויסגעזיפצט. דאָס צווייטע בעט איז נאָנט לעבן זייערע געשטאַנען—אַ צעוואָרפענע; אַ צעשליידערטע, קאָנטיק, פון דאַנען האָט מען די געשטאָרבענע אַרויסגענומען; אויפן ווענטל פון בעט איז געהאַנגען אירע אַ קאָפּטעלע, וואָס זי האָט נעכטן פון זיך אַראָפּגעצויגן. ווער עס איז נאָר אין חדר אַריין, איז איטלאַכנס בליק געפאַלן אויף דאָס ליידיקע בעט... אין חדר־ל לעבן די קינדער האָט זיך געפונען אַ שכן—אַן עלטערער ייד — עזריאל דער גאָלד־שמיד און נאָך אַ צוויי דריי שכנות פון הויף. און עפּעס אַ היכעס מיידל, אַ פרעמדעס אַ אומבאַקאַנטעס. עזריאל האָט גערעדט און דערציילט פאַר די ווייבער, נאָר מערסטנטיילס האָט ער זיך געווענדט צום מיידל:

— איך זאָג אייך אַן אימה נעמט מיך אָן, אַז איך דערמאָן זיך... איך בין היינטיקן טאָג, ווי איר זעט מיך, אָן אַ האַרץ...

שוין געווען אַודאי מיט טאָג גלייך, איך הער, מען קלאַפּט מיר אין וואַנט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, ברוך־השם, אַז דאָ איז ניט גוט—ווער וואָלט עס ניט פאַרשטאַנען? איך לויף אַריין/— ערשט אָט דאָ, אויף דעם בעט זיצן זיי ביידע, ער און זי, היילע אין איינע אונטערשטע וועש, זי האָט זיך איינגעטשעפּעט מיט די הענט אַרום אים און לאָזט אים ניט אָפּ... די האָר איז אירע צע־וואָרפענע, צעשפּילעטע און הענגען אַרום... און די אויגן אָפענע, גרויסע און רירן זיך ניט. און דאָס פּנים — אַ טויטעס... און ער— רעדט און ווייסט ניט וואָס, רעדט גאָר אָן ווערטער... ער זאָגט עפּעס און איך קאָן ניט פאַרשטיין וואָס. זיין פּנים איז פּונקט ווי אירס: אָן אַ בלוטס־טראָפּן, כמעט אַ טויטעס, פּונקט ווייס, ווי זיין העמד... און ער רעדט, און איך פאַרשטיי ניט, איך כאַפּ קוים, אַז ער הייסט מיר גיכער אַ דאָקטאָר ברענגען. איך זע אָבער אַז זי איז שוין טויט, איך זאָג:—זי איז שוין טויט, מאַכט אַ ברכה יציאת נשמה!... און ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר דאָס פּנים האָט זיך אים אויסגעקרימט, און די קינבאַקן טרייסלען זיך, טרייסלען זיך...—נאָך אַ דאָקטאָר!—גיט ער אַ געשריי... נאָר ער זעט אַליין, אַז זי איז שוין געשטאָרבן. איך זאָג אים: — לייגט זי אין בעט אַריין! נאָר ער קוקט אויף מיר, שעפּטשעט אַליין עפּעס... אַן אימה, אַן אימה!.. אירע האָר צעוואָרפענע הייגען אַרום אים, און די געשטאָרבענע הענט ניט פונאַנדערצונעמען... איך האָב נאָך גאָר אַזוי ניט געוואוסט—וואָס פאַר אַ בלוט־יוגנט, אַ בלוט־יוגנט...

— וואו איז ער?—פרעגט אַ יידענע שטילערהייט, דאָ ריידן אַלע שטיל, דאָ איז קיינע בעלי־בתים פאַראַן, און מען האָט קיין העזה צו ריידן הילכיק.

— וואו?—פרעגט איבער עזריאל מיט אַ ביטערער מינע — וואו? ביי זיינעם אַ באַקאַנטן ערגעץ. אים איז דאָרטן ניט גוט געוואָרן, קאָנטיק, איז ער דאָרטן פאַרבליבן, מסתמא גוטע לייט ניט געלאָזן גיין...

— ווער — פרעגט די צווייטע יידענע — איז דער יונגערמאַן, וואָס עסקט דאָ און באַלעבאַטעוועט?

— אָט טאַקע ביי אים ליגט ער דאָרטן—זאָגט עזריאל—

אָט דער זעלביקער איז דאָס זיין גוטער פריינד, וואָס דינט אין דערזעלבער קאַנטאָר וואו ער.

— עלנדע נעבאַך... — זאָגט אַרויס נאָך אַ יידענע.

— וואָס רעדט איר! — ווענדט זיך עזריאל צום מיידל — אָט דאָס קליינע מיידעלע האָט נאָך געשלאָפן מיט דער מאַמען טויטערהייט... אַז מיר האָבן די געשטאָרבענע צוריק אַהער אין בעט אַוועקגעלייגט, ערשט איך כאַפּ זיך,—דאָס מיידעלע שלאָפט, טוליעט זיך, ניט וויסנדיק גאָרניט, צו דער מאַמען... אַן אימה, אַן אימה!...

— ניטאָ קיין קלאָגער, ניטאָ קיין ריכטער!... — זאָגט ווייטער די ערשטע יידענע און ווישט די אויגן—פאַרשטייען נעבאַך זייער צער ניט, פייגעלאַך מיינע...—באַווייזט זי אויף די קינדער... נאָר די קינדער צואַמפּערן זיך אין דער רגע: דאָס יינגעלע ציט דאָס בוך צו זיך, און זיין שוועסטערל וויל עס פּאַר זיך.

— ביסט אַ גרעסערער—מוסרט די צווייטע יידענע—דאַרפסט איבערלאָזן איר.

דאָס יינגל לאָזט איבער, אָבער מיט אַ תּנאי: מען זאָל אים געבן אָט יענץ קליין ביכל, וואָס ליגט דאָרט אויף דעם טישל לעבן דעם אומגעקערטן שפּיגעלע...

הינטער דעם ליידיקן בעט שטייט אַ טישל מיט אַ סך פּאַר־שטויבטע קלייניקייטן, און דערביי ליגט אַ קליין בילדער־אַלבאָם פון רויטן סאַמעט מיט אַ בראָנזענעם שלעסל...

— דאָס טאָר מען ניט! — זאָגט די יידענע און באַווייזט מיטן פינגער אויף דער נאָז.

דאָס יינגעלע שטעלט אָן די ליפּן אויף וויינען... עמיצער דערלאַנגט אים דעם אַלבאָם. ער איז באַפרידיקט—איצטער, זאָגט ער, וועל איך קוקן!... דאָס מיידעלע וואַרפט אַרס און וויל אויך מיט אים אַריינקוקן...

— קוקן די מאַמען! — זאָגט דאָס מיידעלע...

אַלע גיבן אַ ציטער און קערן זיך אום צו די קינדער. דאָס יינגעלע קערט די האַרטע בלעטלאַך און באַווייזט אַלעמען בילדער...

— אַך, זאָגט עזריאל, נאָך גאָר אַ בלוט-יוגנט, אַ בלוט-יוגנט!...

מען קוקט.

אָט איז זי מיט אים... ביידע... קיילאַכדיק און יונג איז איר פּנים, זאַפּט און לעבן שפּיגלט זיך אין די אויגן, צאַרטע אוברים און ליבלאַכע... זיין אַקסל איז לייכט אָנגערירט אָן אירן... אַ שמייכל שוועבט איר ביי די ווינקלען פון די ליפּן... און ער קוקט אַ ערנסטער מיט אַ ווייטן קוק—אַ גליקלאַכער אַ פּאַרליבּ־טער—אין צוקונפט...

נאָך אַ בילד: אַ קליין מיידעלע אַ יאָר אַכט מיט אַ קינדערש פאַרוואונדערט און בעחנט פּנימל אינאיינעם מיט אַ טאַטן, מיט אַ מאַמען און מיט אַ ברודערל...

# אין דער און אין דער גאַס.

אין דער און אין דער גאַס, אין דעם און אין דעם הויז, אין דער און אין דער דירה — זיינען קראַנק געוואָרן אין איין צייט, כמעט אין איין טאָג, אויף איין קראַנקהייט, אַ מאַן און אַ ווייב — אַ טאַטע און אַ מאַמע פון די דריי קליינינקע שייניגקע קינדערלאַך, וואָס אַלע שכנים האָבן שטענדיק באַוואונדערט און ליב געהאַט אָנצוקוקן.

דער מאַן האָט זיך צוגעקילט און אָנגעהויבן הוסטן. און ווי ער איז געקומען פון די שטונדן זיינע (ער איז אַ לערער) האָט ער צוזאַמען מיטן ווייב, אַזוי ווי ביי זיי איז שוין איינגעפירט, אָבגעעסקט מיט די קינדער, און דערנאָך, אַז די קינדער זיינען שוין ווי עס איז איינגעשלאָפן, און ער האָט גענומען אין אַ צייטונג אריינקוקן, — האָט ער דערפילט אַז דער קאָפּ דרייט זיך אים און די אותיות שפרינגען אום און צושטעלן זיך... מאַט איז ער געוואָרן, אַ מידקייט אין אַלע אברים. און ער איז פרי געגאַנגען שלאָפן.

— וואָס איז? האָט פריידע אומרואיק געפרעגט. שטענדיק האָט ער אַזוי ליב צו לייענען שפּעט אין דער נאַכט.

— דאָס איז גאָרנישט. דער קאָפּ אַ ביסל שווינדלט, האָט ער איר געענטפערט: דער הוסט האָט מיר אויפגעשלאָגן אַלע אברים, מען דאַרף אפשר טאַקע אַ פרעג טאָן אַ דאָקטאָר.

ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין שטאַרקער גבור, נאָר ער האָט זיך קיינמאָל אויף גאָרנישט בעקלאָגט. איצט פילט ער זיך מיט איינמאָל אַזוי שלאַף, כאָטש בלייב אין בעט ליגן. וועט איבערגיין—טרייסט ער זיך.

פריידע האָט זיך אויך פרי געלייגט. זי איז אויך געווען מיד, אַ גאַנצן טאָג מיט די קליינוואַרג, דערצו איז חיים ניט גע-

זונט און אין שטוב פילט זיך שוין אַ קראַנקער... אַ פרעסנדער אומעט לייגט זיך אויף אַלץ, פאַרן נפש פאַרנעמט... פריידע שלאָפט זייער ווייניק — מיט קליינע קינדער איז שווער אויסשלאָפן זיך: באַרואיקט זיך איינס, וועקט אויף דאָס צווייטע, זי האָט גלאַט קיין שלאָף ניט — אַ קאַלטער שווייס טרייבט פון איר, און זי פילט זיך ווי אין חלומות... זינט זי האָט דאָס קליין קינד אַנטווינט פון ברוסט, איז זי גאָר ווי אַן אַנדערע, ווי מיט דעם קינדס מילך וואָלטן די גאַנצע כחות פאַרלאָרן געגאַנגען... פריידע קלערט אַז דאָס בייִנקט דאָס האַרץ נאָך דעם קינד: גאָר אַנדערש ווען דאָס קינד איז מער אויף דיינע הענט אָנגעהאַנגען; פילסט, אַז דאָס קינד איז טאָג און נאַכט האַרט ביי דיין ברוסט און עס וועט שוין קיין הונגער ניט ליידן... און איצט פונקט ווי דאָס קינד וואָלט עמיצער מיט גוואַלד אָפּגעריסן, עס שטייט פאַר דיינע אויגן, אַ וויינענדיקס, אַ בייזעס, אַז דאָס האַרץ צעגייט פון ווייטאָק קוקנדיק...

זי שלאָפט ניט און איז אויפמערקזאַם צו חיימ׳ס בעט — זי האָט אָפּגעגעבעט פון אַנטווײנטן קינד אַ גאַנצע גלאָז מילך: ווי נאָר חיים הויבט אָן הוסטן, גיט זי אים עס אויסטרינקען, עס מעג זיין וואָס עס וויל — זי וועט הײנטיקס מאָל אויספירן, ער מוז טרינקען.

מען ווערטלט זיך אַמאָל צווישן זיך דורך, עס טרעפט, מען האָט אַ כעס איינער אויף דעם אַנדערן, חיים איז אַ גרויסער עקשן (זאָגט פריידע), נאָר אַז עס פעלט עמיצן עטוואָס, ווי קאָן שוין דער צווייטער רואיק בלייבן?

אַז ער איז אַזוי איינגעשפּאַרט, אַז ער קוקט קיינמאָל ניט אויף זיין געזונט, אים אַרט וועגן זיך ניט...—קלערט פריידע מיט ווייטאָק.

— ווייסט, זאָגט חיים פון זיין געלעגער און רייסט איבער פריידעס אומעטיקע געדאַנקען: איך מיין, אַז דאָס נאַכט־לעמפּל רויכערט צופיל, דעריבער איז אַ טשאַד אין חדר.

— ס׳קאָן זיין, — ענטפערט זי אים אָפּ: אָבער ווי זאָל איך עס אויסלעשן? שוין צייט הירשעלע איז געבאָרן געוואָרן, שוין

דאָס זעקסטע יאָר, אַז דאָס פייערל צאַנקט נאַכט אין נאַכט. איך וועל דערנאָך זאָגט זי ניט וויסן, וואו ס'קינדס אַ הענטל, וואו אַ פיסל.

חיים שוויגט. זי איז גערעכט. ער קלערט פון וואָס איז נאָך דאָ די לופט פאַרשטיקט אין חדרל און ער געפינט—איך קלער, פריידע, זאָגט ער אין אַ ווײלע אַרום: דאָס וואָס די ווינדעלאַך און די איבעריקע קינדערשע וועש טריקענען איבערן טיר ווערט דערפון די לופט נאַס און שווער.—אָבער,—זאָגט זי, ווי קאָן איך אַנדערש טאָן, די ווינדעלאַך און די העמדלאַך מוז איך צו מאָרגן האָבן. חיים שוויגט. זיינע בליקן, פיבערלאַכע און גלאַנצנדיקע בלאָנדזשען איבערן חדר. דאָס חדר איז אַפילו הויך אויף דעם שטאָטישן געביי, אָבער מיט אַריינגערוקטע קאַלטע ווענט, שמאָל און לאַנג: ווי אַ „מולטער" זאָגט ער שטענדיק, ווי אַ „קבר" באַקלאָגט זיך פריידע... בייטן די דירה קאָן ער ניט, ער האָט שוין געביטן... די פאָריקע איז געווען פיל גרעסער, נאָר פיל טייערער. ער האָט זי קוים אויסגעזוכט, „צו פיל חפצים—קלערט ער, אָנגעשטעלט, דאָס רויבט די לופט"... און זיין אָנגעצונדענער בליק שטעלט זיך אָפּ אין דער רויכערדיקער נאַכט־פינסטערניש אויף איטלאַכן חפץ פון די כלי־בית באַזונדער—וואָס איז דאָ איבעריק? וואָס קאָן מען אַרויסטראָגן?

— ווייסטו, זאָגט ער, פריידע מען האָט געדאַרפט די סאָפּקע צונעמען פון ווענטל, בעסער צום פענסטער צושטעלן וועט זיין געראַמער און צו שלאָפן געזינטער... שוין צו ענג אָנגעשטיקט.

— וואָס רעדסטו, און וואו וועט מירעלע שלאָפן, ביים פענסטער בלאָזט אַ ווינט, דאָס קינד קאָן זיך נאָך פאַרקילן

„זי איז גערעכט"—קלערט חיים... און ער זוכט אַלץ וואָס אַרויסוואַרפן, וואָס איבערשטעלן. אַלץ דאַכט זיך, איז איבעריק און פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, און אַלץ איז אַזוי נויטיק, אַלץ דאַרף מען האָבן...

די נאַכט איז אַ לאַנגע, אַ הערבסט־פוילע, בייזע קאַלטע ווינטן יאָגן זיך דרויסן און קלאַפּן צייטנווייז אין שויב... דער זייגער האָט אַ רואיקן גאַנג, און עס רייצט חיימס אָנגעמאַטערטן מוח..

שעהן לאַנגע, לאַנגע ציען זיך איינע נאָך דער אַנדערער. און
חיים קוקט קעגנאיבער אויף פריידן און זעט איר מאָגער, בלאַס
פּנים... אַמאָל, מיט אַ יאָר אַכט צוריק, איז זי געווען אַ הויך,
שלאַנק מיידל אין אַ ווייסער, דינינקער קאָפּטע מיט אַ לעדערנעם
שוואַרצן גאַרטל. אירע האָר האָט זי געטראָגן שוואַרצע, הויך
פאַרקעמטע, זי האָט ליב געהאַט צו זינגען און האָט געהאַט אַ טרעלן-
צעשאָטענעם קול. זי האָט ליב געהאַט שפּאַצירן גיין ווייט, ווייט
אויסערן שטאָט... היינט הערט זיך איר קול איטלאַכע רגע אַ שריי-
עדיקער, אַ כּעסדיקער אויף די קינדער אַז זיי דערעסן איר... און
זי לויפט-דורך איילנדיק דורך הינטער-געסלאַך, ווען זי מוז אין
מאַרק גיין... בייטאָג קאָן זאָס חיים ניט קלערן, ער איז אַ גאַנצן
טאָג פאַרנומען. די שטונדן און די שילער זיצן אין געביין. אַמאָל,
לאַנג, איידער ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער ליב געהאַט צו
לערנען, ליב געהאַט זיינע שילער און ביי פיל פון זיי קיין גע-
צאָלט ניט גענומען. ביי אים אויפן האַרצן איז געווען גוט, פריי-
לאַך און זינגענדיק, אים האָט זיך דאָס געוואָלט דעם צווייטן
איבערגעבן... היינט—קאָכט און זידט שטענדיק אַ כּעס, אַ פאַרדרוס,
אַ טיפע באַקלעמונג, און ער קאָן ניט איבערליידן קיינעם לעבן
זיך. צו די תּלמידים פילט ער זיך ערגער ווי גלייכגילטיק, ווו
עמיצער איבער-געוואַלט וואָלט אים געטריבן, געצוואונגען אָפּזיצי
מיט זיי שעהן-לאַנג. די פּינקטלאַכקייט פון די שטונדן רייצט זיין
געדולד. אַלע טאָג אין איין צייט, אַלע טאָג אין איין אָרט—פאַר-
קערעוועט ער זיך אַלץ אַהינצו, אין ווינקל-גאַס, וואו ער האָט
דאָרטן אַ גראָבן תּלמיד מיט גראָבע באַקן און מיט אַ גראָבן קאָפּ...

ער דאַרף געלט, נאָר ער דאַרף דאָס גאָרנישט — ער איז
אָבגעלאָזן, און אים אַרט דאָס ניט. ביי אים איז אַלטע קאַלאָשן
און זיי בעצן דורך, ביי אים איז אַן אַראָבגעריבענער קאָלנער,
ביי אים איז אַן אַרומגעוואַקסענע באָרד, צושויבערטע האָר—אים
אַרט עס ניט; צום טיש אַז ער זעצט זיך, האָט ער קיינמאָל זיין
אָרט ניט; זיין גלאָז טיי איז שטענדיק קאַלט; ער געפינט קיינמאָל
זיין ביכל ניט, שטענדיק איז עס אין עפּעס איינגעגאָסן, איינגע-
ריכט; אין שטוב איז ניט איינצוזיצן—אַ טומל, אַ געפּילדער, אַ גע-

ווייך, ער האָט האָלט פיל צו לייענען, און קאָן נור איבערלייענען איין האַלבע צייטונג, — צו דער אַנדער העלפט ווערט ער שוין מיד. דאָס פייער פון לעמפּל ווערט טונקל, ווערט ווידער אַ טומל, אַ געררודער פון די קינדער...

ער האָט ליב צו וויסען, וואָס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט און קאָן דאָס ניט וויסן, ער האָט ליב וועגן אַלץ צו ריידן און קאָן זיך ניט אויסריידן... און עס קאָכט אים אַ ביטערער פאַר־דרוס אין האַרץ, און עס ברענט אים... ער האָט אַלעמען פיינט און ער זוכט אויס גאַסן, כדי מיט באַקאַנטע ניט צו באַגעגענען זיך. אים דאַכט, אַז אַלע זיינען שולדיק אין דעם, וואָס ער לעבט אַזוי, ער וויל אַלעמען שולדיק מאַכן און בינדט זיך צו אַלעמען, און כעסט, און בונטעוועט...

עס טרייבט אים פון דערהיים, פון דער אייגענער אָנגע־שטעלטער דירה, וואו פריידעס פנים, אַ בלייכעס, אַ נערוועזדיקס, אַ פאַרמאַטערטעס שטייט אים שטענדיק אַנטקעגן; ער וויל אַוועק, נאָר ער האָט ניט וואוהין, און ער זיצט ערגעץ ניט און פאַר־בלייבט דווקא אין דערהיים, ווייל ער האָט ליב צו זיצן מיט פריידן מיט די טומעלדיקע שרייענדיקע קינדער... ווייל אין דער גאַנצער וועלט האָט ער קיינעם ניט, אַלע, אַלע זיינען פרעמדע, ווייטע, קאַלטע... אַלע, אַלע האָבן ווי אָפּגעקערט זיך, זייער וועג אַוועק־געגאַנגען, אויף אים ניט געוואַרט, אים ניט מיטגענומען, אים אי־בערגעלאָזן אַ שוואַכן, אַ הילפלאָזן ראַנגלענדיק זיך, מאַטערנדיק זיך, ווי מיט אַ ווילדער בריאה, מיט די קלייניקייטן פון לעבן... און אים ווערט גוט זיין חדרל, ווייל פריידע מיט די קינדערלאַך זיינען אים די נאָענטסטע, זיינען אויך איינגעצאַמט מיט דעם־זעלבן צוים, מיט דעם זעלבן לעבן...

ער האָט פאַר זיך אַ דאגה: ווי געלט צו באַקומען און ער טיילט זיך מיט דער דאגה מיט פריידען; און פריידע האָט אַ דאגה: ווי פון באַקומענעם געלט די שטוב צו פירן, ווי צו קאַרגן, ווי צו פאַרשפּאָרן—און זי טיילט זיך מיט אים... און שטענדיק זייבען זיי פאַרנומען: וויפל קאָסט דאָס אַ פונט, און וויפל יענץ אַ לייט. וואו קריגט מען דאָס וועלוועלער און יענץ שפּאַרעוודיקער...

זיי זיינען ביידע אין כעס איינער אויף דעם אַנדערן, און ס'טרעפט שעהן־לאַנג ריידן זיי ניט.—לאָז, זאָגט זי אים פאַרקרימט,—דעם אָרט פאַרן יינגל, דאָס קינד וויינט. און ער מוז זיין שטול אַוועקגעבן, דאָס קינד וויל אין דער פינסטער ניט איינשלאָפן און זי נעמט פון אים דאָס פייער צו, און ער בלייבט זיצן מיטן אָפּענעם ביכל אין דער פינסטער... אַזויפיל אָנגעשטעלט, אָנגעוואָרפן,—רעדט ער בייז,—כאָטש אַנטלויף פון דאַנען... און אַזוי ווערטלען זיי זיך און זוכן איינער דעם אַנדערן אויס ערגערע ווערטער צו זאָגן... איטלאַכן פון זיי דאַכט זיך, אַז דער אַנדערער איז אומגערעכט אין עפּעס אַ זאַך אַ שלעכטע און אַ פאַרפאַלענע...

נאָר שפּעט אינאָוונט, אַז דאָס גאַנצע חדרל ווערט אויסגעבעט, אויסגעלייגט מיט קישנס, און די שייניגקע קליינינקע פּנימלאַך פאַרטיפן זיך אין אַ רואיקן שלאָף; ווען די קליינינקע נשמהלאַך פאַרטראָגן זיך אין זיסע זעלטענע חלומות,—דעמאָלט ווי עס וואָלט פון ערגעץ אַראָפּגעקומען אַ שטילער, רואיקער תּעניג אין שטוב. אַ מאָדנע ליבלאַכע ווייכקייט הערשט אומעטום; און חיים דערזעט פאַר זיך פריידעס פּנים אַ בלייכעס, אַן אָפּגעבליטעס, ווערט אים אַזוי ווייי פאַר איר, זי ווערט אים אַזוי ליב, אַזוי טייער... ער וואָלט פאַר איר ניט נאָר זיין איין לעבן, ער וואָלט פאַר איר וואָס אויף דער וועלט איז נאַר דאָ אָפּגעבן, נאָר איר זאָל זיין בעסער... און זי קוקט אויף אים, און זי פילט, אַז דער אַרומגעוואַקסענער, פאַרמאַטערטער כעסדיקער יונגערמאַן ענטהאַלט אין זיך די גאַנצע זאַפט, דעם עיקר פון איר לעבן, און ווען ניט ער — ווערט פאַר איר אַן אייביקע פינסטערניש, אַן אייביקע נאַכט...

און איטלאַכער פון זיי מעסט אויס פאַר זיך דעם אַנדערנס שווערן גיהנם־טאָג און איטלאַכער פון זיי ווערט צעגאַנגען פון מיטגעפיל, פון רחמנות צום אַנדערן... פריידע קאָן ניט אַנטשלאָפן ווערן, איר געזונטער יונגער שלאָף איז שוין לאַנג ניטאָ, די ביינער געפינען אין בעט קיין ווייכקייט ניט, דאָס קישן איז אַ הייסעס און אומעטום איבריק, אין ברוסט ציט זיך דורך אַ דיני־

קער ווייטאָק, ווי עמיצער וואָלט עס מיט אַ שאַרפֿן מעסער טיף, טיף אָנגעשניטן, ווי דער שניט וואָלט אין זיך אירע גאַנצע כּחות איינגעזאַפּט, אַזוי מאַט איז זי, און אַזוי קריינקלאַך פֿילט זי זיך איטלאַכע נאַכט אויף דעם געלעגער; נאָר חיים׳ן וויל זי דאָס ניט זאָגן: זי וואַרט ביז זי וועט געזונט ווערן.

חיים קאָן אָבער ניט פֿאַרלייקענען פֿון איר:

דער הוסט שיסט אויס איטלאַכער רגע הילכיק און הייזע־ריק, צו איטלאַכן הוסט, ווי אַ ווידערקלאַנג, ענטפֿערט אָפּ אַ שטעכנדיקער ווייטאָג אין די זייטן, ער וויל אָבער איינהאַלטן, פֿריידע זאָל קיין צער ניט האָבן.

— דו וועסט מאָרגן זיצן אין שטוב — רעדט זי צו אים פֿון געלעגער, וועסט וואַרימע מילך טרינקען, נאָר ער, אַנטשטאָט אַן ענטפֿער, הוסט ווידער. און זי הויבט זיך פֿון געלעגער, זי האָט פֿאַר אים אַ באַהאַלטענע גלאָז מילך, זי וויל אים געבן.

— וואָס ווילסטו טאָן? — זאָגט ער — אויפֿשטיין? צי משוגע, איך בין געוואָרן, אַז עס איז שטיל, ווילסטו די קינדער אויפֿוועקן.

און טאַקע אין דער רגע וועקט זיך אויף דאָס קלענסטע קינד, פֿריידע טוט אַ שווערן זיפֿץ און נעמט זיך באַרואיקן דאָס קינד. און עס וויגט זיך דאָס וויגל און קלאַפּט, יעדער קלאַפּ ווי מיט אַ האַמער... חיים פֿילט, אַז דער קאָפּ צופּאַלט אים שווער... און ער קאָן דאָס ניט פֿאַרטראָגן...

פֿריידע האָט גרעסער געמאַכט דאָס פֿייער אין לעמפּל. אַ טונקעלער חדר. דער בעל־הבית האָט ווי מיט אַ פּיון מיט אַ גרויען קאַלך די ווענט אויסגעקאַלכט. דאָס פֿענסטער איז אַ גרויסע, אַ טיפֿע, ווי אַ ברייט־געעפֿנטער מויל. אויפֿן באַלטן טאַנצט אום אַ העלער קויל פֿון נאַכט פֿייער. ביי יענער זייט שלאָפֿט אַ קינד... האַלב צוגעדעקט, האַלב פֿאַרנאַנדערגעוואָרפֿן, האַרט לעבן טיש שטייט אַ פֿאַפּירענער פֿערד אָן אַ קאָפּ און אָן אַן עק מיט פֿער־טאַלבן פֿיס און מיט אַן איינגעשרומפּענעם זייט... אין בעט זיצט פֿריידע און קלאַפּט דאָס וויגל דאָ אַהער, דאָ אַהין. איר אויסגע־בויגנקייט פֿון גוף איז מער קאַנטיק אויסגעקליידטערהייט, און די אַקסלען זיינען ווי מער אויסגעבויגן איבער דער איינגעפֿאַלענער

ברוסט... מאָגער איז זי, און איר פּנים מיט לאַנג אָפּגעצויגענע באַקן און מיט טיף איינגעגראָבענע אויגן. אויפן פּנים איז אַזאַ תּנועה, אַן אומבאַקאַנטע פאַר חיימען, אַ פרעמדע, אַ משונהשרעק־לאַכע וואָס גיט אים אַ קלאַפּ אין האַרצן... זי איז דאָך קראַנק!... אַזאַ פּנים קאָן נאָר האָבן אַ סכּנהדיקער חולה... און חיים דערמאָנט זיך זייערע אַ קרובהס אַ קליין מיידעלע, וועלכע איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און וועלכע האָט אויך געהאַט פּונקט אַזאַ תּנועה אויפן פּנים, ווי פריידע.

— פריידע... זאָגט ער שטיל, נאָר ער קאָן ווייטער ניט פרעגן. אים שטיקט עפּעס אין האַלז, און ער קאָן דאָס שלעכטע וואָרט ניט אַרויסריידן.

— וואָס איז? פרעגט זי, און הערט אויף צו קלאַפּן מיטן וויגל.

פריידע... דו ביסט ניט געזונט? וואָס פעלט דיר? דערצייל מיר, פריידע, פריידעלע...

— וואָס איז? פרעגט פריידע, כּלומרשט ווי זי דערהערט ניט... נאָר זי האַלט ניט אויס... חיימס קול איז אַ אומעטיקער, אַ אייגענער, אַ געטרייער, און זי קאָן זיך מער ניט איינהאַלטן און לייקענען... און עס לויפן איר אָן אַזעלכע הייסע טרערן אין די אויגן... אַלץ ווילט זיך דאָ איבערלאָזן, עס איז ניט נאָך די כּוחות... צומאַכן די אויגן און ליגן, און ליגן...

ווי האָט ער דאָס ניט באַמערקט, חיים... אַ מענטש איז אויסגעגאַנגען... אַי, — רייסט זיך ביי אים אַרויס, די קינדער...! און אַ מאָדנער כּעס וועקט זיך ביי אים אויף צו זיי... זיי ליגן — אַ גאַנצע שטוב... אַלע אויסגעוואַשענע, אָנגעשפּילטע, און שלאָפן, און באַלד שטייען זיי ווייטער אויף, און ווייטער: מאַמע, מאַמע... אַי, ווער דאַרף זיי האָבן, קלערט חיים, און ער פילט, ווי פון כּעס שטיקט אים נאָך מער צונויף די ברוסט, און דער הייזעריקער הוסט קריכט אים צום האַלז, און בייסט, און שפּאַרט זיך און עס קלינגט, ווי אַ לאַנגער צעריסענער טאָן פון אַ פאַראָסטער סטרונע...

און פריידע אַזש מאַכט צו די אויגן... אַזוי שווער איז איר דעם הוסט צו הערן.

---

# די זאָגערין.

— ניין, זאָג איך, גענוג, זאָג איך אויסגעבעטן פאַר זיי, אויסגעוויינט מיינע אויגן און ־גענוג!... גענוג,—זאָג איך, ניין!— זאָג איך... שטום זאָל איך ווערן, אויב איך וועל איין וואָרט אויסריידן... ניט מיין נאָמען גנעסיע...

אַ געמבע האָט זי אַ שטאַרקע, אַ זאָגערין איז זי אַ גרויסע און זי טענהט...

רבונו של עולם, דו האַרצקיער פאָטער, דו אַליין ווייסט דאָך ווי איך האָב געבעטן, סיי זומער, סיי ווינטער, צו האָב איך אַ שבת פאַרהיבט, צו האָב איך אַ תחינה פאַרשפּאָרט... און וואָס האָב איך פאַר זיי ניט אויסגעבעטן? עשירות, אריכות־ימים, נחת פון קינדער... ס׳קומט אַ ראש־חודש, צוגייט דאָך מיר מיין האַרץ, צושפּרינגט מיין נשמה... אַ קליינינקייט ראש־חודש!... אַלץ איך בעט, איך וויין,—אַלץ מיין האַרץ, מיין האַרץ...

ווער רעדט ימים־נוראים. — איך גיי דאָך יעדן יאָר אַרויס פון שול אַ קראַנקע, אַ הייזעריקע, אַ צוחושכטע, אַ פאַרמאַטערטע... האָלץ אויב איך וואָלט געהאַקט, ערד געגראָבן, וואָלט איך אַזוי שווער ניט געהאָרעוועט... אַ קליינינקייט, אַרום מיר אַזוי פיל ווייבער, אפשר איבער צוואַנציק... די היץ, די לופט, דער טומל, דאָס קריגעריי צווישן זיך... איינע הערט ניט—זי זיצט צו ווייט, זי וויל בעענטער; די צווייטע שפּאַרט זיך צו פיל אָן אויף דער דריטער; איינער דאַכט, איך קוק אויף איר ניט, איך האָב צו מזכיר נשמות איר באָבן ניט דערמאָנט, איך האָב איר כאַצקעלען פאַרגעסן, פאַר איר איסערלען ניט געבעטן.

אַזוי רעדט זי און טענהט, און קאָכט זיך... זי שטייט ביי זיך אין קאַמערל. אירע אויגן קוקן מאָדנע פון אונטערן שטערן, ווי זיי זוכן עפּעס... אויף דעם ברעג בענקל זיצט איר אייניקל

שמערציק—אַ יינגל אַ יאָר עלף, און וואונדערט זיך און איז דערשראָקן—וואָס איז דאָס מיט זיין באָבען געוואָרן!? עפּעס איז זי היינט אַ בייזע, אַ שלעכטע און שילט זיך... ער וויל איר עפּעס זאָגן, בעטן זי, זי זאָל אַזוי ניט שרייען ניט וויינען; ער פילט, אַז זי וויינט היינט ניט ווי אַלעמאָל; אירע טרערן זיינען גאָר אַנדערע... ער הייבט נאָר אויף שווייגנדיק זיין דאַר הענטל און לאָזט זי צוריק אַראָפּ...

און איר האַרץ צעשפּרינגט איר...

— וואָלט איך בעסער קראַנק זיין, וואָלט איך בעסער שטום זיין, איידער איך האָב אויסגעבעטן פאַר טעמע די גראָבע אַזאַ שטיינערנע הויז, אַ צייל קראָמען; פאַר שטישע פּייטלס אַ אייזיים אַ רב און אייניקלאַך גוטע; פאַר צפּורה די קרעציקע—אַ צען טויזנדיקע ירושה. און פאַר וועמען האָב איך ניט געבעטן, און צוליב וועמען האָב איך ניט געקלאָגט, און וואָס האָב איך געהאַט דערפאַר? זיי האָבן מיר נאָר געצאָלט אַ פינפער אַ וואָך און יוצא געווען. יעדער איינע האָט מיר אַ גראָשן געגעבן, דעם מויל פאַרשטאָפּט. נאַ, ווערג זיך און שווייג, געננוג פאַר דיר, מישטיינס געזאָגט...

איר פאַרוק אַזש האָט זיך פאַררוקט און אירע אויגן בלישטשען, און אַן כעסדיקע, שוים לויפט איר איבער די ליפּן. מיט די דאַרינקע הענטעלאַך פּאָכט זי אום דאָס אַהער, דאָס אַהין, און איר גאַנצעס קערפּערל בייגט זיך אין אַלע זייטן.

האָב איך גאָר אַן אָרט פאַר זיי געפונען? געקומען אין בית-מדרש דינה-טרייבע—אַ ברייט, אַ גרויסקייט, אַ בלאָזענעס פון זיך, פּש!... געקומען אין סאַמעט און זייד, מיט דער גראָבער האַלז פּערל... אַ קליינקייט! און איך, גנעסיע די זאָגערן, ווייס ניט, וואו זי אַוועקזעצן... און איך וויין, און איך בעט אויס פאַר איר עשירות, אַלעס-גוטס... און זי גיט מיר אַ זעקסער אַ קופּערנעם—פון די פולע—איין זעקסער... פון מיינע אויסגעבעטענע, פון מיינע אויסגעקלאָגטע, גיט זי מיר איין זעקסער און גאָר. און זי איז די גבירה, און איך—גנעסיע די זאָגערן, גנעסיע אָרים-מענטש...

דאָס יינגל דערשרעקט זיך נאָך מער... די באָבע דרייט

זיך אום איבערן חדרל און שרייט. וואָס איז מיט איר? אים ווילט זיך צוגיין צו איר, און זאָגן איר—באָבינקע, שאַ, באָבינקע, זײַ שטיל, ניט וויין, באָבינקע...—נאָר ער האָט מורא, אַ גאַנצע נאַכט איז זי אָפּגעזעסן אין איר בעטל, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו זיין געלעגער, האָט אים געוועקט, גערעדט צו אים און צו זיך אַליין... נעכטן האָט זי זיך אַפילו צו דער וועטשערע ניט צוגערירט, אַזוי איז זי אויפגערעגט און אין כעס.

— טרעפט אַ שבת,—טענהט זי, — עס איז אַ ווינטער־טאָג, און איך האָב אַ ברעכעניש אין די ביינער, איך קאָן אַ שלונג ניט טאָן, אַזוי איז מיר דער האַלז פאַרשוואָלן, און אַלע גלידער טועןְ אַזוי וויי, און איך וואָלט דאַכט זיך אין בעט געלעגן... אויסגערוט זיך אַ ביסל; נאָר איך קוק אויף דעם ניט, איך אייל מיך אין בית־מדרש, איך וויין, איך בעט. צו אַ חתונה צוגיי איך ממש, בלייב איך פון גרייס תפילה...

— באָבינקע, שאַ... באָבינקע שטילער — גילט דעם קינד אַרויסצורייזן—און ביים טיר שטייען ווייבער און קוקן אַהער און וואונדערן זיך.

— דו ווייסט ניט! שרייט זי אויס,—און כאַפּט אים פאַרן האַנט,—איר האַנט איז גלוט־הייס, און אירע אויגן קוקן משונה־שרעקלאַך.

— באָבינקע, לאָז איין... — בעט זיך דאָס קינד — שווייג, שווייג! דו ווייסט ניט, דו קענסט ניט וויסן, דאָס איז אַלץ ניט אַזוי... דאָס איז אַלץ מיינע... איך האָב אויסגעבעטן, איך האָב אויסגעקלאָגט ביי דעם רבונו־של־עולם, ער האָט מיר געגעבן, פאַר מיינע בלוטיקע טרערן, דאָס איז אַלץ איך מיט מיין תפילה, דו הערסט, שמערציק? איך מיט מיין תפילה, דו הערסט, שמער־ציק? איך מיט מיין תפילה, דאָס איז מ י י נ ע, און זיי גיבן מיר אַ גראָשן, אַ פייג, ווי אַן אָרימאַן ביים טיר, דו הערסט שמערציק, איך האָב מיין גאַנצן לעבן, צוואַנציק יאָר געבעטן פאַר זיי, גע־ווינט, געפאַסט, איך האָב זיך פאַרגעסן... איך בין אָרים, — דו זעסט? אויף מיר איז אַן אַלטע צעפאַלענע העמד, דו זעסט—איך עס טרוקן ברויט, דו זעסט?... זיי וואוינען אין פאַלאַצן און ווי־

כע בעטן, אין זיידענע קליידער—דאָס איז אַלץ מיינע, מיינע אויסגעבעטענע פאַר צוואַנציק יאָר...

דעם יינגל ווילט זיך אַזש די אויערן פאַרשטאָפּן כּדי ניט הערן זיין באָבעס רייד, אים ווילט זיך, וואו עס איז באַהאַלטן, כּדי ניט באַגעגענען זיך מיט אירע בליקן.

— שמערציק, דו הערסט;—מיינע טרערן, מיינע אלמנישע טרערן האָבן די הימלען געשפּאָלטן, האָבן זיי פייכט געמאַכט — אַלץ פאַר זיי שמערציק, מיין קינד דו ביסט ביי מיר פון זיבן איינס געבליבן, אַ ביטערער יתומל,—צו האָבן זיי מיין האַרץ געוואָלט אויסהערן; איך האָב אין זייערע טירן געקלאַפּט... ניין, דאָס איז ניט זייערע! אַלץ זייערע איז מיינע; מיינע! דו הערסט, שמערציק, אַלץ — מיינע! און שטישע פייטלס האָט מיר אפילו אַ טאָג עסן פאַר דיר ניט געגעבן, און זלאַטע הערצעס האָט מיר אפילו אַ גמילת-חסד ניט געגעבן, זונדל טעמעס, האָט דיר אַפילו אין דער נייער תלמוד-תורא ניט געוואָלט איבערשרייבן; איך קום צו צפּירה די קרעציקע, איך וויין פאַר איר און דערצייל איר מיין ביטער האַרץ: — האָט רחמנות, זעט העלפט מיר עפּעס פאַר מיין עופעלע, פאַר מיין יתימל; נאָר זי האָט קיין צייט ניט זי איז פאַרטראָגן, זי איז אין אַ מיטן וואָך מיט מיר קיין מחותּנתטע ניט... „מאַמאַ, עפּעס אַ יידענע אַן אָרימע דאַרף דיר, וויל מסתּמה אַ נדבה" זאָגט איר אָן איר טאָכטער. „אַ מאָדנע יידענע. די מאַמאַ איז ניטאָ אין דערהיים זאָגט מען אייך", גאַנץ בייז די אַנדערע טאָכטער... נישקשה שבּת איז זי גאָר אַנאַנדערע, האָט גאָר אַנאַנדער פּעל, איז גאָר אַ ווייכינקע, דאַמאָלסט דאַרף זי מיך... גנעסיע די זאָגערן, דו וויין, דו בעט פאַר מיר... איך בין אַ נגידה ביי מיר אַ טרער איז אַ זילבערנע, אַ טייערע, מיין אויג, מיין האַרץ דאַרף איך אויף נחת צו ניץ... ניין! זאָג איך. דו הערסט, שמערציק געַנוג!... דאָס יינגל צעוויינט זיך באַלד, צעכליפּעט אַזוי איז עס דערשראָקן.

— באָבינקע, שאַ, שאַ, באָבינקע—שטאַמלט ער,—באָבינקע, וע, ווייבער קוקן אַהער פון פענסטער, פין טיר, זעהסט.

זי ווערט שטיל. זי פאַרטראַכט זיך. טיף אין זיך קוקן אירע אויגן. נידעריק בויגט זי אַראָפּ איר קאָפּ; און איר אַלטער צוּ־קניישטער פּנים פאַרלירט די אויפגערעגטע רויטע פאַרב, און זי ווערט מיט איין מאָל טויט־געלב.

און די ווייבער פון טירל, פון פענסטער גייען ביסלאַכווייז אָפּ און שעפּטשען זיך און סודן זיך אין דער שטיל. דאָס ייִנגל אַזש צופאַלט פון רחמנות, דאָס ריידן זיי וועגן זיין באָבן. נאָר ער ווייס ניט, וואָס זאָל ער טאָן, מיט וואָס זאָל ער זי באַרואיגן.

— האַ, זאָגט זי, און איר בליק ווענדט זי צום קינד, אַ בייזן, אַ האַרטן, און איר קול ווערט גאָר אַנדערש—שטאַרק און אָנגעזאָפּט מיט שנאה—ניין!—זאָגט זי—און גיט אַ טופּע מיטן פוס, ניין!.. איך וועל זיי ווייזן, דו הערסט, שמערציק, איך וועל ווייטער בעטן, ווייטער וויינען... איך וועל בעטן פאַר מיר, נאָר פאַר מיר אַליין... איך וועל בעטן די מפּלה אויף זיי, אויף מיינע שונאים... זיי זיינען מיינע ערגסטע שונאים... זיי האָבן צוגענומען מיין תּפילה... מיינע טרערן... מיינע יאָרן...

דו הערסט שמערציק? — אַלץ זייערע איז מיינע. איך וועל בעטן צוריק... איך וועל אָפּנעמען, דו הערסט, שמערציק, אָפּנע־מען... איך וועל זיך מיט זיי נוקם זיין... מיין תּפילה וועט זיין אַ תּפילה פון נקמה... דו הערסט שמערציק...

— שאַ — שאַ, באָבינקע,—שעפּטשעט דאָס קינד, זע מען קוקט, מען הידושט זיך... ווייבער שאָקלען מיט די קעפּ.

— שמערציק, דו הערסט, איך וועל צוריק בעטן... מיין האַרץ וועל איך אויסגיסן אין טרערן... איך וועל פאַר זיך בעטן. ווייבערלאַך!.. איר הערט, פאַר זיך אַליין זאָלט איר בעטן!.. און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט אַ ווילדן קול, מיט בליצנדי־לויפנדע אויגן—האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר.

די ווייבער האָבן זיך אָפּגערוקט...

— לאָזט די וועג, שעפּטשעט איינע דער צווייטער, לאָזט די וועג, גנעסיע די זאָגערין איז פון מוח געריררט...

— איר הערט אַ ביסל אַ זאָגעריי, דעם אויבערשטנס ניסים..

— אַ סכנה איר אין גאַס אַרויסלאָזן, זי קאָן מענטשן מזיקן, זאָגט אַ דריטע.

— אַ רחמנות אויף דאָס אייניקל...

— שאַ—שאַ, זי גייט!...

נאָר זי בלייבט אין חדרל. איר קול גאָר—אַ בייזער, אַ שרעקלאַכער אַ נקמהדיקער לאָזט זיך הערן ווייט, ווייט,—אַזש אין דריטן הויף...

# אין טשאַד

דער טאַטע האָט אַריינגעגאָסן דאָס ביסל שוואַרצע ביר אין גלעזל און מאַכט הבדלה.

חיימקע דאָס פינף־יאָריקע בן־יחידל שטעלט זיך אויף דער קאַנאַפּע און הויך לייכטנדיק מיט דער געפלאָכטענער „הבדלה" שמייכלט ער גלייך דעם פאָטער אין פנים.

ער שטעלט זיך אויף גלייך מיט דעם טאַטן און באַמיט זיך אונטערהויבן חייעמקעס הענטעלע מיט דעם ברענעדיקן ליכט וואָס העכער און העכער, ער שמייכלט צו איר ווי ער זאָל פרעגן, צי געפעלט איר זיין חברשאַפט מיט איר איינציקן ברודערל, מיט וועלכן ער האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּילט און געשטיפט. אינמיטן שטוב אויף אַ טאַבורעטקע זיצט די מאַמע, אין איר שויס קייקלט זיך די קליינע קיילינקע און קוקט אויך צום טיש, צום גאַנצן עולם.

און זי פון איר ווינקל קוקט אויך אויף אַלעמען, קוקט און קלערט, אַלץ אירע ניט פריילאַכע געדאַנקען... דער טאַטע מאַכט הבדלה—אויס שבת... אויס רו. צוריק צו דער וואָך, צוריק צו דער אַרבעט... אַרבעט און אַרבעט!... עס נעמט קיין סוף ניט, ווי לאַנג זי אַרבעט — פון קלענסטן קינדהייט אָן,—צייט די מאַמע האָט זי פאַר אַ האַנט צו אַ בייטערקע אַוועקגעפירט. זי אַרבעט און ברייגט אין שטוב אַריין מיט איר פאַרדינסט אַכט רובל אַ חודש, דער טאַטע אויף זיין שטעלע אין קראָם—דרייסיק, און צוזאַמען לעבט מען זיך ווי עס איז דורך מיט אַ געזיגטל.

זי טיילט זיך ניט אויס פון אַלעמען דערמיט וואָס זי איז די עלטערע און כאָטש די מאַמע דאגהט אַז אַ מיידל דאַרף אַ פולע האָבן, פונדעסטוועגן האָט זי אויף זיך ניט אַ רעכטן בגד. איר

אַרט עס ווייניק — די גאַנצע וואָך קומט זי דאָך געוויס איבער אַזוי, דער איינציקער טאָג שבת שטופּט זיך אויך אַוועק...

נאָך וואַרמעס ראַמט זי אויף אין שטוב. טאַטע מאַמע לייגן זיך אָפּרוען, זי ליגט אויך אויף דער קאַנאַפּע, מיטן פוס וויגט זי דאָס קליין שוועסטערל און פאַר זיך לייענט זי אַ ביכל.

אַ ביכל לייענט זי מיט גרויס פאַרגעניגן. זי האָט שוין היפּש איבערגעלייענט סיי רוסישע, סיי יידישע: דאָס קאָסט איר קיין געלט ניט, זי קריגט עס ביי איר אַמאָליקן לערער, ביי וועלכן זי האָט זיך אַ ביסל רוסיש אויסגעלערנט...

פון דער מאַמען איז ניט צו דערהאַלטן. ס'טייטש! — טענהט זי — אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר, וואָס דאַרף זיך מיט לייטן באַקענען, באַווייזט זיך ניט אויף דער ווייסער וועלט, האָט ניט אַ קליידל אויף זיך... און כאָטש קיין שידוכים גייען ניט, פונדעסטוועגן איז דאָך איר מזל פאַר איר — עס קאָן זיך נאָך מיט איר אַפילו אַ גליק טרעפן...

און עס האָט זיך טאַקע געטראָפן.

שוין אַ צייט אַז זיי זיינען באַקאַנט, ער האָט אין אַ אַנדער שטאָט אַ שטעלע, פאַרדינט ניט שלעכט, איז אויסגעקליידט, וואָס פעלט? זי דאַרף אים דערפאַר וואָס ער וויל מיט איר חתונה האָבן אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט, כאָטש שוין די מינוט אַראָפּנעמען אַ באַרג, אַ צרה, אַ דאגה פון די עלטערן...

זי ווייס אַז ביים טאַטן איז ניט איין גרויער האָר אין באָרד צוגעקומען קלערנדיק וועגן איר, אים דאַכט זיך אַז ער איז מיט עפּעס שולדיק געגן איר, און ער פּלאָגט זיך דערמיט, וואָס ער נעמט ביי איר צו איר פאַרדינסט:

זי ווייס, אַז די מאַמע שלאָפט קיין נעכט ניט... ביי איר קריכן די אויגן אַלץ טיפער און טיפער אין קאָפּ, אַ קלייניקייט — היינטיקע צייטן אַ מיידל! יעדער בחור איז ביי זיך אַ יחסן, גיב אים הונדערטער נדן, היינט קליידער, חתונה־הצאָות... וואו נעמט מען דאָס אַלץ? זי איז דאָך ביי זיי ניט קיין בת־יחידה, עס זיינען דאָ צו איר נאָך פיר יינגערע טעכטער.

דער שידוך איז פאַר איר אַ גליק... טאַטע־מאַמע האָבן אַפילו דעם גליק ניט געגלויבט „מאַלע וואָס ער האָט דיר גליק, צוגעזאָגט" אַזוי פלעגן זיי אירריידן — אַפולע בחורים זאָגן צו מיידלאַך אַזעלכע גליקן.

און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ועלן, ווי עס זאָל זיך אויסלאָזן...

נאָר אָט איז ער געקומען און האַלט זיך פאַר איר חתן... אין שטוב איז פריילאַך, דער טאַטע זאָגט המצאות, זיין פנים איז רואיקער, אַזש שטראַלט פון שמחה, די גרויע האָר פון באָרד זעען זיך גאָרניט אַרויס אַזויפיל. די מאַמע איז גליקלאַך, די גריבלאַך אונטער די אויגן זיינען אַזוי ווי פאַרגאַנגען און אויף דער שטענ־דיק געלב־בלאַסער הויט פון איר פנים שפריצט אום אַ צעהיצטע רויטלאַכע פאַרב... זי האָט זיך אַפילו פאַרגונען לכבוד דעם טייערן גאַסט אָנטאָן די קלאָרע קאָפּטע מיט די שוואַרצע פּינטאַלאַך וועלכע זי האָט פון קאַסטן ניט אַרויסגענומען צייט אירע צוויי קינדער זיינען איר פון קרופ געשטאָרבן...

ווען דער אַלטינקער באָבען איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן! עס איז געקומען דער געוואונטשענער טאָג פון איר נחת... זי האָט נאָך פרייטאָג אויסגערעכנט, וויפל ס'וועט קאָסטן בלינעס פון גרעטשענע מעל אויף הייזון, און איצטער תיכף נאָך הבדלה איז זי שוין גרייט צו די כלים.

די צוויי יינגערע שוועסטער האַלטן זיך גאָר שטאַטנער ווי אַלע מאָל, זיי שטימען מיט איר און זיינען גרייט איר צו פאָלגן וואָס זי וועט זיי נאָר הייסן. עס איז פריילאַך... און אויף איטלאַכן אין שטוב פילט זיך עפּעס אַ שמחה...

זי נאָר אַליין איז אומעטיק, איר איז אַזוי ניט ביי זיך... וויינען ווילט זיך איר גאָר... דאַכט זיך, זי וואָלט איצטער קענען דאָ אַלעמען איבערלאָזן און באַהאַלטן זיך אין פינסטערן חדר, אויסוויינען זיך אין קישן, גוט אויסוויינען, אַז די קישן זאָל נאַס ווערן... ווי אַלעמאָל...

וואָס איז איר פאַר אַ שמחה?

אַלץ איז נאָך צו דערליידן, ווען ער זיצט פון ווייטן און שפּילט זיך מיט חיימקען, מיט דער דריי־יאָריקער אסתּרלען, אָדער ווען ער לאַכט זיך אונטער פון דער באָבן, ווען ער רעדט ערנסט וועגן געשעפט מיט דעם טאַטן. נאָר ווען ער זעצט זיך נאָענט לעבן איר און קוקט אויף איר מיט די בלישטשנדיקע פעטע אויגן — ווערט איר ניט גוט... זי ווייס אַליין ניט, וואָס איר פילט זיך דעמאָלט... איר דרייט דער קאָפּ, און ס׳דוכט זיך איר, זי שטאַרבט... און זי וואָלט מיט דעם טויט צופרידן זיין... און וואָס איז מיט איר דער יחוס? אמת, זי איז טאַקע ניט קיין מיאוס מיידל, אָבער גאָרניט אַזאַ באַזונדערע שיינהייט און ניט גאָט ווייס וואָס פאַר אַ חכמה, טאָ וואָס איז מיט איר? מיט וואָס נעמט זי זיך דאָס אַזוי איבער?...

זי ווייס ניט. זי האָט אים ניט ליב. און ניט ליב איז איר וויין נאָענטקייט צו איר, ניט ליב דער טאָג פון איר געבאָרן, און ניט ליב איז איר איר לעבן... עס פאַרקווענטשט איר דאָס האַרץ. איר הויבט אָן שטעכן אין די שלייפן ביי די געדאַנקען, עס ווערט איר ביטער, אַזוי ווי די גאַל וואָלט זיך צוגאָסן אַזוי, שטיל ווען קיינער באַמערקט ניט, קיינער איז אַפילו ניט חושד..

און איר ברוסט הויבט זיך הויך אונטער דעם העל־בלויען קאַפּטעלע, די אומעטיק־גרויע אויגן קוקן אַראָפּ אויף די צענויפ־געלייגטע פינגער, וועלכע קנאַקן זיך אין דער שטיל פאַרצווייפלט און עלנט...

אַ טרער, אַ שווערע, אַ גלייענע ציטערט אויף דער לאַנגער טונקעלער ברעם. עפּעס אַזוי האָט זי ניט געקלערט... עפּעס ביי־נאַכט אין די לאַנגע נעכט האָט זיך איר אַנדערש געחלומט... אַ אַנדערן האָט זי געזען פאַר איר גואל, וואָס וועט איר אויסלייזן פון איר שווערן לעבן... צו יענעם האָט איר געצויגן, זי וואָלט מיט אַ באַהאַלטענעם חיות, מיט צוגעמאַכטע אויגן אים אַרומגענומען, צוטוליען זיך און לאָזן זיך פליען כאָטש אין עק וועלט, כאָטש אין הויכן לופטיקן הימל... יענער איז אַן אַנדער מיט אַנדערע אויגן מיט אַ אַנדער קול — גאָרניט ענלאך צו דעם...

און פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי גיך? איז דאָס דער סוף פֿון אַלץ? פֿון איר קלערן, פֿון איר ליכטיקן חלום... אָט דער וועט זי דאָס צונעמען—ווי אַזוי? מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט? ווער איז ער איר? ווער?... אַז זי זאָל ערשט, אין דער מינוט אַריינפֿירן דעם טאַטן אין אַ באַזונדער חדר און זאָגן אים, וויינען איבער אים. טאַטינקע, האָב רחמנות... איך וויל דעם חתן ניט, איך האָב אים ניט ליב... איך קאָן אים ניט ליידן... וואָלט ער זי ניט נויטן. ער וואָלט זיין קינד ניט וועלן אומגליקלאַך מאַכן...

און די מאַמע.

די מאַמע וואָלט בשום-אופֿן ניט דערלאָזן, זי וואָלט אַליין אָפּגעזאָגט דעם חתן וועלכער איז אַזוי ניט צום האַרצן, איר טייער קינד, איר דבורהן. און וואָס איז די היילעניש, די כאַפּעניש? פֿאַר-וואָס זאָל זי ניט וואַרטן? זי קאָן נאָך וואַרטן און האָפֿן, מיט אַן אמת גליקלאַך זיין...

זי דאַרף נאָר עפּעס זאָגן, אַרויסריידן, דעם טאַטע-מאַמען נאָר איין וואָרט. — דעם אמת און דעמאָלט לעבט זי אָפּ... און דאָס האַרץ וועט אַזוי ניט פּאָכן, ניט איינגיין, ניט קלאָגן אין דער שטיל...

נאָר זי וועט עס ניט טאָן. זאָלן זיי מיינען, טאַטע-מאַמע, אומגליקלאַך זיין... זאָלן זיי קוקן אויף איר ווי אויף אַ גליקלאַכע, אַ פֿאַרליבטע כלה. זי וועט גאָרנישט זאָגן, זי וועט זיך מאַכן צו-פֿרידן... צופֿרידן... די טרער פֿון איר ברעם האָט זיך אַראָפּגע-קייקלט אויף איר באַק און דערנאָך זיך פֿאַמעלאַך צעגאָסן אין ווינקל פֿון ליפּ.

— דבורה! האָט די מאַמע אין דער שטיל אַרופֿגעטאָן. זי האָט דערפֿילט דער מאַמעס דורכדרינגענדיקן קוק פֿון דערווייטן, איר דוכט דער מאַמעס קול איז אַ ציטעריקער, אַ חושדיקער—אָט, אָט דערוויסט זי זיך איר סוד און דערזעט וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרץ... ניין, ניין די מאַמע טאָר ניט וויסן, גאָרניט וויסן.

— דבורה, פרעגט אַ צווייטן מאָל די מאַמע שוין צוגייענ־דיק צו איר: דבורה, וואָס האָסטו זיך פאַרקלערט? דו וויינסט, צו וואָס?

— גאָרנישט, מאַמע, גאָרנישט, אַזוי זיך... באמת זי זיך ריידן און פריילאַך מאַכן. דעם קאָפּ האָט זי מורא אויפצוהויבן: אין דער רגע פילט זי, קוקט ער אויף איר און זיינע בליקן איז איר שווער צו באַגעגענען.

— וואָס איז, דבורה, דיר טוט דער קאָפּ ווי? דערגייט אַלץ די מאַמע, און, דאַכט זיך, אויך מיט אַ געמאַכטן, אַ צענויפּ־געשטיקטן קול...

יאָ עס טוט ווי... דער קאָפּ טוט ווי... האָט זי אַרויסגע־קרעכצט.

דער טאַטע האָט שוין לאַנג הבדלה געמאַכט, זיי זיינען גע־זעסן און געשמועסט וועגן מקחים פון ווייץ.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, אַלעמענס אויגן זיינען אָפּגעקערט צו איר.

— וואָס איז? פרעגט דער טאַטע, וואָס איז דבורה? און ער איז אויך צוגעגאַנגען, האָט זיך נאָענט לעבן איר געשטעלט און אומרואיק געקוקט אויף איר...

— גאָרנישט, גאָרנישט... האָט זי געשעפּטשעט. איר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן און די גאַנצע שטוב מיט אַלעמען האָבן זיך געדרייט, געדרייט אַרום... די פיס האָבן זיך איר אונ־טערגעהאַקט און אין האַלז האָט איר געוואָרגן... ער איז נאָענט לעבן איר געשטאַנען... זי האָט געפילט זיין אָטעם, זיין קאַלטע פייכטע האַנט האָט זיך צוגעלייגט צו אירע — זי האָט זיך מיט עקל אַ שוידער געטאָן. איר האָט זיך געוואָלט אים אָפּשטויסן פון זיך, נאָר ער האָט זי אונטערגעהאַלטן... זי האָט גאָר לויפן גע־וואָלט... ער האָט זי אונטערגעכאַפּט און צוגעהאַלטן; זי האָט זיך געפילט אָן כוח... דאָס איז גאָר דער טויט... איז איר דער גע־דאַנק דורכגעלאָפן — דער מלאך־המות אין דער געשטאַלט פון אַ ניט געליבטן חתן... דער מלאך־המות וויל איר ניט אָפּלאָזן,

דריקט אַזוי שטאַרק... און זי וויל זיך אַרויסרייסן און לויפן — כאָטש וואוהין עס איז, נאָר לויפן...

---

אַז מען האָט זי דערמינטערט, איז זי געלעגן אויבן אָן אויף דער קאַנאַפּע, אַלע שטובּיקע האָבן זיך געשטופּט לעבן איר.

ער איז געווען בּלייך און דערשראָקן, די מאַמע האָט גע־וויינט, דער טאַטע האָט צעטראָגן די באָרד געביסן, די קינדער זיינען צעשראָקענע געשטאַנען אַרום איר.

— וואָס איז מיט דיר מיין טאָכטער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט איצטער איז מיר שוין גרינגער.

— אַ דאַנק גאָט אַז גרינגער, דאָס איז פון טשאַד.

— אָבער זיי אַז זיי הייצן טרעפט זיך אַלע ניסים, האָט זיך דער טאַטע אויף דער שוויגער געבייזערט, אַ שייטל האָלץ איז ביי זיי ווער ווייס וואָס.

— נאָך וואָס, טשאַד, זיי ווילן מיך איינריידן טשאַד, טשאַד, דאָס איז עין־הרע, האָט די באָבע פון איר זייט גערעדט...

— אָבער וואָס האָבן זיי אויף מיר דערזען? מיין שווערע האָדעוואַניע פון קינדער, ביז איך דערהאָדעווע זיי... יענע ברי־ליאַנטאַלאַך זיינען אַרויסגעכאַפּט געוואָרן אין איין טאָג, וואָס האָבן זיי אויף מיר דערזען...

— און דו וועסט נאָך זען, באַשע, ווי שונאים וועלן צע־פּלאַצט ווערן פון קנאה, האָט די באָבע צעפרידן גערעדט, דו וועסט נאָך זען און מיט ליבע האָט זי געקוקט אויף אים...

— שיינה כלה... שיינע כלה... גאָר זיך ניט געשעמט פאַרן חתן...!

— איך בין שוין געזונט, לאָזט מיר נאָר אַ ביסל אָפּרוען, זי האָט די אויגן צוגעמאַכט. — אפשר דאַרף אַזוי זיין... אפשר

פילן אַזוי אַלע, אַלע מיידלאַך וואָס האָבן חתונה... אפשר דאַרף אַזוי זיין ביז עס וועט זיך צוגעוואוינען... ביז עס וועט אַוועק ווי ביי אַלעמען.

---

און אין אַ האַלב שעה אַרום זיינען שוין אַלע רואיק געזעסן, אַרום טיש און געטרונקען טיי... ביי טיי האָט מען גערעדט וועגן וויכטיקע ענינים.

# דעם קבורה שמשס ווייב

אויף דעם טישל איז שוין געשטאַנען דער רייניקער סאַ־מאָוואַרטשיק מיט די גלעזער; די שטוב איז שוין אויסגעקערט, און אומעטום איז ריין און צוגעקליבן. זי האָט נאָר וואָס אָפּגע־דאַוונט, נאָר וואָס שמונה-עשרה אויסגעשטאַנען. ווי האָט זי גאָט געדאַנקט, מיט וועלכע טרערן זי האָט איט פאַר זיין חסד גע־לויבט, פאַר זיין גרויסן גענאָד מיט איר, זינדיקער אישה.

— רבונו־של־עולם, אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ!

אירע אויגן זיינען צופרידענע, שטילע, פון זיי שיינט אַ ליכטיק, ווייך פייער... זי קוקט אין דרויסן אַרויס.

לינקס זעט זיך אַ קרומעס געסל אין דער הויך צו אַ באַרג צו; און כסדר ווי אויף טרעפּ שטייען הייזלאַך, — שטייען און ליגן און זיינען ווי אויף די קני אויטערגעבויגן. עס זעען זיך דעכער נייע און אַלטע, און גרינע און צעבראָכענע, קוימענס בלע־כענע, ליימענע און צעקרימטע, פון אַנדערע ציט זיך צום באַרג אַרויף אַ בלויער רויך.

רעכטס, אין טאָל זעט זיך אַ פּאַרקאַן און אַ גרויסער הויף שכנים גייען אַרום הין און צוריק, פון איין הייזל צום צווייטן. אָט יענע גראָבע יידענע אין רויטן קלייד גייט שוין דאָס דריטע מאָל פון דעם ווייסן טירל אַרויס. אָט דאָס נידריגעס יונג-ווייבל מיט דעם קינד אויף דער האַנט באַווייזט זיך שוין דאָס צווייטע מאָל פאַר איר פענסטער. אָן האָט אַ פויער אַרויסגעפירט אַ וואָגן מיט האָלץ... אָט ביים שטעלכל שפּילן זיך קינדערלאַך. „אָי־אַ געזונט צו די קינדערלאַך! מיין אַלטינקער וועט האָבן מיט ווע־מען צו שפּילן“...

— אַ דאַנק דיר גאָט פאַר אַלץ! — שעפּטשעט זי און זעצט זיך טרינקען טיי.

— אַלטינקער, אַלטינקער, שטיי אויף, מיין נחמה—ווענדעט זי זיך צום פּאָרהאַנגל: אַלטינקער, דאָס טייעלע ווערט קאַלט, שטיי אויף, זונעניו!...

פון הינטער דעם פּאָרהאַנגל איז קיין ענטפער ניטאָ.

זי קאָן די אויגן פון פענסטער ניט אָפּרייסן.

— אָט מענטשן, — שעפּטשעט זי — אַ דאַנק דיר, גאָט, צווישן מענטשן, ווי אַלע מענטשן. און נאָר ניט טייער, מיט וויפל טייערער?—זי קערט זיך אויף אַלע זייטן, אין אַלע ווינקעלאַך— די גאַנצע דירה פּאַר 40 קאַרבן אַ יאָר, אַ דירה — אַ מלוכה, נור, רבונו-של-עולם, געזונט און פּרנסה...

זי טוט אַ טיפן זיפץ. ביי דעם וואָרט פּרנסה זיפצט זי שטענדיק... אַלע מענטשן זיינען איצט „זיין" האַנט, דאַרפן פּרנסה, זי דאַרף אויך, נאָר... זאָל זי בעטן?...

רבונו-של-עולם, אַלץ אין דיין רשות, גאָר נישט טוט זיך ניט אָן דיין הייליקן ווילן, דו חתמעסט אָן, ווי עס איז באַשערט, אזוי ענטפערט זי זיך, אַזוי מאַכט זי זיך דעם הסכם...

און הכלל דער רבונו-של-עולם ווייסט דאָך אירע מחשבות, אַז זי איז ניט מער ווי אַ זינדיקע אישה, אַ בשר-ודם...

— נאָר איצט זאָג איך—געַנוג; איך בין שוין מיינס, מיינס געזאָגט, פּאַר מיינע עבירות אָפּגעקומען... איצטער — לייטן גלייך, ווי אַלע מענטשן.

טרערן לויפן אין אירע אויגן. טיפע קנייטשן צולייגן זיך איר אויף דעם געלן שטערן און איר גאַנצער אויסגעדאַרטער, קליי-נינקער גוף בויגט זיך און דרייט זיך צונויף... נאָר עס פאַלן איר אַראָפּ די שווערע שטיינער פון האַרץ, עס פאַלן און פאַלן ווי עס וואָלט דאָרטן אין אינווייניק דאַרפן ווערן אַ ליידיקער אָרט אויף עטעמען פרייער און גרינגער...

— אַ דאַנק דיר האַרציקער פאָטער...

זי דערמאָנט זיך איר שמועס מיט דעם מאַן:—לייזשע, עס מעג זיין וואָס עס וויל זיך, איך האָב שוין מער קיין כח ניט, איך בין אַ חרובער מענטש, איך קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן,

איך ווייל אַנאַנדער דירה, ווי גאָט וועט מיר געבן. איך וויל אַ אַנדער גאַס—צווישן מענטשן, ווי אַלע מענטשן...

ער, אַ מאַנסביל... לאָמיך זאָגן, אים זאָל דאָס אַרן: דער בית־עלמין איז ביי אים עפּעס אַ מין היימישע זאַך... און די מתים זאָלן זיי נאָר גוטע מליצים זיין פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און קינד, איז ער טאַקע ממש געוורן.

— ביסט אַ יידענע, און אַ נאַרישע יידענע, און ווייטער גאָרניט—ענטפערט ער איר: פאַר וועמען האָסטו מורא, אַדרבה, זאָג? וואָס וועלן זיי דיר טאָן? דאָס איז דאָך אונזער פּרנסה.

ביי דעם וואָרט „אונזער פּרנסה" און ביי דער רואיקייט, ווי ער רעדט וועגן די מתים—גיט זי זיך אַ טרייסל... עפּעס פּונקט ווי עמיצער וואָלט איר מיט אַ שטאַרקן פויסט גלייך אין האַרץ אַ זעץ געגעבן.

— וואָלסטו זען העשע דעם בעל־הקברות ווייב. אַ יידע־נע — אַ קאָזאַק! אַ ברייט — אַ צונג! וואָס מורא, ווער מורא, פירט ניט אַ זעלכע ראָלעס ווי דו — אַזוי מוסרט איר לייזשע.

און זי שווייגט.

לייזשע זאָגט איר אַז זי זינדיקט:—וואָס פעלט דיר? וואָס דערגייט דיר ניט? דער רבונו־של־עולם שפּייזט דיך, לעבסט ווי אַ בת־מלכה מיט פיש, מיט פלייש לכבוד שבת, מיט די שיינע גע־בעק—ווי אַ גבירישע בעל־הביתטע, און האָסט נאָך אַ קאָרב מזומן וואָס? וואָס? וואָס זינדיקסטו?...

און זי שווייגט, זי ווייס, אַז זי זינדיקט... און זי ווייס, אַז זי זינדיקט טאַקע נאָר דערמיט: מיט די פיש און פלייש מיט די גו־טע מאכלים, מיט די עטלאַכע רובל וואָס לייזשע קלייבט אויף אַ ביכל אין באַנק.

איר דאַכט: אַז זי וואָלט אָבגעקומען, וואָלט געליטן און ווען לייזשע וואָלט ניט געהאַט קיין פּרנסה, וואָלט ביי איר ניט געווען אַזעלכע שטיינער אויף דעם האַרצן, וואָלט אַזעלכע שווערע מחשבות איר מוח ניט געשפּאָלטן, וואָלט איר גאָט ניט געשטראָפט...

— זונעניו, אַלטינקער! שטיי אויף בשמחניו, שוין ניין דער זייגער. פוין צייט אָנבייסן.

זי באַקומט אַלץ קיין ענטפער ניט.

און זי באַמיט זיך אַלץ פון זינען אַרויסיאָגן. זי וויל זיך פרייליאַך מאַכן. איר ווילט זיך אַלע מלאכות טאָן, איר ווילט זיך, גאָר ווי אַ קליין, יונג מיידל, אַ טאַנץ טאָן, אַ זינג, ווי אַ מאָל, אין דער יוגנד...—ניטאָ די מיידלשע יאָרן! אַמאָל איז די וועלט געווען מיינע, די ערד האָב איך ניט געפילט אונטער מיינע פיס, רעדט זי צו זיך, וואו קומט דאָס אַהין!? אז איך האָב חופה געהאַט מיט לייזשען, בין איך נאָך אויך געווען אַ ווייבל אַ פלייש, און איצטער...

אַלץ מיינע צרות.

און ווייטער אַ האַרצרייסנדער זיפץ. פונקט ווי עמיצער וואָלט זיצן אינווייניק און וואָלט אַלע רגע בגנבה אַ צופּ טאָן... דאַכט זיך אַלץ גוט: אויסגעפירט — אַ דירה אַ מלוכה, און וואָס פעלט? לייזשע איז גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז זי זינדיקט, גאָר ווי זי איז אויף אים אין כעס דערפאַר טאַקע, וואָס ער דערמאָנט איר אַלעמאָל איר זינדיקן.. זי ווייס אַליין, אַז זי זינדיקט: זי ווייס, אַז זי איז אַליין באַשטראָפט אויף פאַר איר זינד.. גענוג שוין, רבונו־של־עולם, גענוג שוין, גענוג...!

און זי דערשרעקט זיך אַליין פאַר איר אויסגעשריי: עפּעס אַזוי ווי זי ווייסט אַז עס דאַרף, אַז עס מוז נאָך עפּעס זיין...

— אַלטינקער, אַלטינקער, נו שטיי שוין אויף; שוין די צענטע שעה, דאָס טייעלע איז ווי אייז קאַלט.

זי כאַפּט זיך מיט אימפּעט צו די גלעזער, קלינגט מיט די לעפעלאַך...—לאָמיך זיין אַ מענטש... לאָמיך לעבן ווי לייט לעבן.

— אַלטינקער, זעסט, קינדערלאַך שפּילן זיך שוין אין דרויסן, גוטע חברימלאַך. שטיי נאָר אויף.

— גוטער גאָט, אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ!

אָט קאָן זי איר קינד אַרויספירן צווישן נאָך קינדער, אַ געכיל פון נצחון צעגיסט זיך איר האַרצן: זי האָט דאָ עפּעס אויסגעפירט, זי האָט מיט אירע שוואַכע כוחות שטאַרקע ווענט אָפּגערוקט... איר דאַכט: אַזוי ווי זי וואָלט אַ געוויסע צייט געלאָפן, האַלטנדיק שטאַרק איר איינציק קינד צו איר ברוסט צוגעדריקט,

ווי זי וואָלט געלאָפן מיט אים איבער וועלדער און פעלדער, געלאָפן ווי געיאָגט פון אַלערליי בייזע,ווילדע חיות, געלאָפן דורך טאָג און דורך נאַכט,—און אָט איז זי שוין געקומען צו אַן אָרט, וואו מענטשן זיצן... זי קאָן זיך שוין אָפּשטעלן אָפּרוען, דעם אָטעם ציען—איר טייער קינד איז אַרויס פון סכנה...

זי וועט אַרויספירן צווישן די קינדער איר קינד. ער וועט זיך שפּילן, ער וועט קריגן חברימלאַך...

און ווייטער דער פאַרגנבעטער זיפץ.—רבונו-של-עולם, איך זאָל ניט זינדיקן מיט מיינע מחשבות, זאָלסט מיך ניט שטראָפן נאָך מיינע עבירות. זאָלסט מיר מוחל זיין. מיר און מיין מאַן און מיין קינד...

קומט איר נאָר דער רעיון אַרויף, צעמישט זי זיך ווידער, צוטומלט זיך... און איר ווילט זיך אַרויסכאַפּן פון קאַמערל איר טייער קינד און וויט, לויפן און לויפן... לויפן ביז וויט, ביז עק וועלט...

— זינדיקע אישה, פאַרנאַרישטע אישה,—וואָלט איר לייזשע זאָגן,—צי ווייסטו ניט, אַז גאָט דער שטאַרקער איז אומעטום, אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער, אַז איבער דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין אָרט, וואו צו באַהאַלטן זיך פון אים?

און זי ווייס אַליין אַז ניטאָ... זי ווייס און זינדיקט דערמיט און דערפאַר האָט זי קיין מנוחה ניט, און איר איז ענג... זי ווייס, אַז גאָט האָט זי שוין געשטראָפט:—ער האָט איר געגעבן איין אַלטינקן, אַ שוואַכינקן, אַ קראַנקן, אַ ציטעריקן...

— וואָלסט זען, ביים קברות-מאַן די קינדער. איך זאָג דיר —שטיינער... איינער געזינטער פאַרן אַנדערן. אָט אַ וועלכע די מאַמע, אַזעלכע די קינדער,—שטעכט איר לייזשע.

נאָר קיינער וועט דאָס ביי איר ניט אָוועקנעמען... זי פילט, אַז זי מיט לייזשען זינדיקן. זי פילט, אַז עס קומט זיי אַ שטראָף... און זי ווייסט, אַז דער רבנו-של-עולם באַצאָלט פאַר זיינע...

— בהמה, נאַרישער קאָפּ; נאָך דיינע חקירות דאַרף קיין בעל-הקברות, קיין שמשים, קיין חברה קדישה ניט זיין... דאַרף

דער טויט ניט זיין... וואָס-זשע וועט דער מלך המות טאָן? האַ, נאַרישע יידענע?

— פאַר וואָס-זשע איז געשטאָרבן דיין טאָכטער?

— אָי, בהמה, בהמה, שצירע איז געשטאָרבן, ווייל זי האָט געהאַט די דער, דאָס פאַרגעסטו, פרא אָדם!...

— אָבער פאַרוואָס איז ביי איר געווען די דער?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס! ביי דעם רבונו-של-עולם פרעגט מען קיין קשיות ניט, פאַרשטייסטו?

דעם תירוץ ווייס זי אַליין. שצירע, זיין טאָכטער פון ערשטן ווייב, איז געשטאָרבן אין ניט איר געדענקען—אַ שטראָף איר טאַטן, גאָר צוליב איר טאַטן,—אַ מויד פון 25 יאָר!—דערפאַר וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ פרנסה...

און איר ווילט זיך לויפן, ווייט לויפן... איר דאַכט: אָט מען לויפט, מען יאָגט, מען גרייכט... מען כאַפּט ביי איר אַרויס דאָס, וואָס איז איר טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט...

— רבונו-של-עולם, וואָס איז מיין קינד שולדיק, אַז זיין טאַטע איז קבורה-שמש?...

... מאַמע, זע, אָן גייט דער טאַטע, אָן איז ער איבערגע-גאַנגען—דערמאָנט זי זיך דעם קינדס דבורים:—זע מאַמע, אָט איז ער אַריין אין בית-עולם-טויער.

און זי באַמיט זיך פאַרלייקענען, אָפּנאַרן אים... זי ווייס טאַקע: לייזשע איז דורכגעגאַנגען מיט אַ טויטן קינד אונטערן פאָלע.

— אַלטינקער פע, קוק ניט אַהין, — טרייבט זי אים פון פענסטער—וואָס ווילסטו דאָרטן זען...

— מאַמע, אַ לויה! אָט ווייטער אַ לויה! אָן גייט דער טאַטע מיט אַ פושקע,—זאָגט איר אָן ווידער דאָס קינד...

— גיי אַוועק פון פענסטער, פע! מען דאַרף ניט...

נאָר דאָס קינד פאַרגנבעט זיך אָפּט, זוכט אַ הימל, אַ מענטשן...

און זי וויל ניט, ער זאָל זען, זי וויל באַהלטן. זי וויל ניט ער זאָל זיך באַגעגענען מיט די מענטשן, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען נאָר וואָס אַ טייערן, אַ ליבן נפש... זי וויל ניט, אַז מען זאָל

וויסן, אַז לייזשע דעם קבורה־שמש האָט אויך אַ קינד,—אַ קליינס, אַ איינציקעס, אַ שוואַכינקעס, אַ קוים דערצויגענעס...

טרעפט אַז מען רופט אים אַוועק צו אַ בר־מנן אַנעלטערן אָנאויסגעלעבטן, קאָן זי נאָך דערליידן; טרעפט אָבער—צו אַ קינד צו אַ קליינעם, אונשולדיקן, דאַכט זיך איר: די גאַנצע וועלט מענטשן זיינען אירע שונאים... און זי קאָן דאַמאָלסט לייזשען אין פנים גלייך ניט קוקן... איר דאַכט, ווי ער וואָלט פון אַ גנבה, פון ערגעץ אָפּטוענדיק אַ שעדליכע זאַך געקומען... גאָט האָט איר שוין באַשטראָפט: האָט איר געגעבן איין קינד, איינעם קוים־דערי לעבטן, אויף דער עלטער, אַ אַלטינקן...

נאָר דאָס איז אַלץ געווען... דאָס איז שוין אַוועק! איצט האָט איר געגאָלטן אַרויסרייסן זיך פון בית־עולם־גאַס, פון לוית. איצט וועט איר קינד באַקומען אַ רויטקייט אין די בעקלאַך, אַ גלאַנץ אין די אויגלאַך, איצט וועט איר קינד פריילאַך זיין, וועט זיך שפּילן מיט נאָך קינדערלאַך...

און ווי האָט דאָס לייזשע ניט פאַרשטאַנען! אַ מאַנסביל — און פאַרט אַ שוטה...

עס איז אַ אלולדיקער קאַלטער טאָג.

פון פרי־מאָרגן איז ליכטיג, וואַרעם—עפּעס גאָר אַן אַנדער היימליכקייט, אַ ליבליכקייט, און ווי נאָך האַלבן טאָג, פּונקט ווי מיט אַמאָל וואָלט דער טאָג אינגאַנצן אַראָבגעפאַלן: ווערט קאַלט, אומעטיק און אַלץ עפּעס ווערט אַזוי רחמנותדיק־עלנד...

די מאַמע קוקט דורכן פענסטער, קוקט אויף איר קינד און האָט גרויס נחת.

אָן ביים פאַרקינדל זיצן זיך קינדערלאַך—ייִנגעלאַך, שייִנינע אַ קע ייִנגעלאַך, אַ מיידעלע אין רויטינקן קליידעלע זיצט אויך דערי ביי, זיי שפּילן זיך, זיי בויען פון שטיינדלאַך, פון ברעטלאַך... קינדערלאַך—אַ געזונד אין זיי... אַ נחת זייער טאַטע־מאַמען... און אַלטינקער אויך מיט זיי. אָן שטייט איר איינציק טייער קינד — אַ קליינינקעס, אַ דאַרינקעס, מיט בלויאינקע אויגעלאַך, אין בריי־ טע הייזעלאַך, אַ קאָרטענעם רעקעלע...—אַי, מיין נחמה... שעפּטשעט די גליקליכע מוטער.

און וואָס דאַרף זי נאָך ?—אַ דאַנק דיר גאָט, וואָס דו ענט־פערסט מיר, וואָס דו העלפסט מיר, ניט נאָך מיינע מעשים...

דאָס קינד האָט אָבגעלעבט, — ווער זעט עס ניט ? ערשט צוויי טעג, און שוין אַזוי ווי מיט זיי געבאָרן געוואָרן! עס שטייט אַפילו פונווייטן, נאָר דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז אַזוי זיך... עס שעמט זיך נאָך צו אַ ביסל. ווי זי איז גליקליך... און איר האַרץ איז ווי ברייט געוואָרן, ווי פריי...—אָט דאָס האָב איך געוואָלט !...

זי האָט אַ סך אַרבעט, נאָר זי ציט צום פענסטער ; עפּעס זי קאָן ניט אָפּטרעטן. עפּעס קערט זי זיך נאָר אָב, רייסט איר דאָס האַרץ—זי איז נאָך ניט געוווינט: קינדערלאַך קענען אַמאָל אַ שטייס טאָן, אַ זעץ, ווי אַ שטייגער... נאָר איר אויג זאָל זיין פון ווייטן, נאָר איר השגחה... אָט דורכן שייבל—איז שוין בעסער איז שוין גוט...

זי דאַרף נאָך דאָ איבערן ווענטל אַ צוועק אַריינשלאָגן : זי וויל אָט דאָ אַ האַנטוך אויפהענגען ; זי קלערט קויפן אַ טישטוך, ווי עס איז היינט אין מאָדע, עפּעס דערמאַכן כלי־בית, איר ווילט זיך פוצן, אויפראַמען—עפּעס איז יום-טוב אומעטום... עפּעס ווי די ווינקעלאַך אַלע פרייען זיך מיט איר, זיינען מלא שמחה... — אָי, אַדאַנק דיר, גאָט... אַ לעבעדיקער מענטש דערלעבט צו אַלץ...

אַ לעבעדיקער מענטש... דערמאָנט זי זיך אויף אַ לעבעדיקן, דערמאָנט זי זיך אויף די טויטע... וויפל טויטע... אַז אַ פּראָסט לייפט אַריבער איבערן לייב...

— עט, ווייס איך !... דערמאָנט זי זיך לייזשעס רייד—פון מיינטוועגן איז אַלץ איינס. מיר איז דאָרטן נאָך היימישער, פאָרט מיין גאַס, צוגעוווינט—מיין חזקה... און וואָס דאָ ? אויגן און אויגן... וואו איך שטעק אַרויס דעם נאָז—כסדר אויגן...

זי לאָזט זיך ניט אַריין מיט אים אין אַ לאַנגן שמועס : די אַלטע דבורים זיצן איר אין ביין. זי וויל מיט זיי דאָס נייע לעבן ניט פאַראומערן.

און נעכטן, אויסטוענדיק צום שלאָפן אַלטינקן, האָט זי אים אַרומגעטאַפּט, אַרומגעזוכט—איר האָט זיך געדוכט, ער איז גע־

זינטער געוואָרן, שטאַרקער און פריילאַכער... און איר גליק איז זייער גרויס געווען.

אַ דירה! אַ גן-עדן!... זי האָט זיך נעכטן שלאָפן געלייגט, האָט זי אירע ביינער ניט געפילט פון חיות, פון תענוג... אַ קאַמער—אַ פּאַלאַץ, די בעט גאָר ווי אַן אַנדערע, די בעט-געוואַנט ווי נייע, ווי כלהשע-ווייך און ליב דעם קאָפּ צו לייגן, און די לופט עפּעס אַ גראַמע און פרישע... זי האָט זיך ניט פאַרגונען צו אַנטשלאָפן ווערן...

— לייזשע!—האָט זי אים געוועקט — הערסטו, לייזשע? אַ מענטש דאַרף נאָר...

— וואָס שלאָפסט דו ניט! וואָס איז דיר איצטער געשען!- האָט ער מיט קולות זי איבערגעהאַקט.

און גיי רייד מיט אים... דערצייל אים, אַז איר שלאָפט זיך איצטער ניט, ווייל דאָס אַלץ פּאָטופּיעט זיך נאָך ביי איר ניט.

און עס דערמאָנט זיך איר נעכט פופצן יאָר כסדר אָן שלאָף—אַ קליינינקייט! איך האָב דאָך געקאָנט פון זינען אַראָפּ!... זי פאַרטרייסלט זיך, דערמאָנענדיק אַזעלכע לאַנגע, שווערע נעכט מיט אַזעלכע מחשבות—גאָט דער פאָטער!...

איר געדענקט זיך איין נאַכט, אין וועלכער זי האָט זיך איר חתונה דערמאָנט — די ערשטע, די מיידלשע, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַז זי איז געשטאַנען אונטער דער חופּה... אַ מיידל אַ שיינענדיקע און ער—אַ בחור אַ צוגעקליבענער, אַ פאַרשיין... עס איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט און די חופּה איז געשטאַנען אויף דעם שול-הויף אונטערן פרייען בלויען הימל... און זי האָט געוויינט און געבעטן, און אויף דעם האַרצן איז איר גוט געווען...

איר האָט זיך דערמאָנט: אין אַ האַלב יאָר אַרום דאָס בריוול אַז ער איז געשטאָרבן... און דערמאָנענדיק זיך, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דעם שלאָפנדיקן לייזשען און האָט דערזען דעם קבורה-שמש... אפשר דערזעלבער, וועלכער האָט זיך מתעסק געווען מיט איר טויטן מרדכי... אפשר דער זעלבער האָט אים אָפּגעוואַשן, די תכריכים אָנגעטאָן און אין קבר אַראָפּגעלאָזן...

פון דעם רעיון איז זי שיעור משוגע געוואָרן. מיאוס איז איר לייזשעס פנים געוואָרן... זי האָט זיין כראָפּען ניט געקאָנט הערן... זי האָט אין שטיבל ניט געקאָנט זיין, איר האָט געטריבן פון אָרט... זי האָט די פיס אַראָפּגעשטעלט און געוואָלט אַנטלויפן... פון די מתים, פון בית-עולם, פון קבורה-שמש...

דער רבונו-של-עולם אַליין ווייס איר מחשבה, פון אים קאָן זי דאָס ניט לייקענען... ער ווייס דאָס פאַרבאָרגענע פון איר מחשבה. איינמאָל—אין איינע פון יענע לאַנגע נעכט אָן שלאָף האָט זיך איר פאַרוואָלט דערמאָנען מרדכיס קול, אָט דעמזעלביקן קול, וואָס פלעגט לערנען הינטערן ווענטל פון איר קאַמער די ערשטע צייט נאָך זייער חתונה... נאָר זי האָט פאַרגעסן, און זי האָט דערפון גרויס צער געהאַט. און פלוצלונג האָט זי דערהערט... פונקט ווי עמיצער וואָלט איבער איר אַ שעפּטשע געטאָן, וואָלט זיך נידעריק איבער איר איינגעבויגן; וואָלט איר מיט אַ וואַרימער, גלאַטער האַנט אַ גלעט געטאָן, און וואָלט אין דער שטיל איר אַ סוד איינ-רוימען: „ציפּקעלע, איך האָב דיך זייער ליב... ביזט ביי מיר אַ פאַר-שיין און אַ חכמה"... דעמאָלט האָט זי זיך ווי אַ צאַפּל געטאָן — דאָס איז געווען מרדכיס קול... אַ הערצלאַכער, אַ געטרייער...

און נאָך אַזעלכע נעכט האָט געטראָפן. און אויף מאָרגן אויפשטייענדיק האָט זי געוואוסט, אַז זי זינדיקט: זי האָט געהאַט פאַלשע מחשבות צו לייזשען... זי האָט געוואוסט, אַז אַ אָרנטלאַכע אישה טאָר אַזוי ניט זיין...

— אַלטינקער!... אַלטינקער! וואו ביזטו, מיין טרייסט...

נאָר אין דער רגע דערמאָנט זי זיך, אַז ער שפּילט זיך אין דרויסן. זי איז געוויינט דאָרטן אין איר פוסטער דירה רופן אים, עס זאָל זיך אַ קול דערהערן, אַ לעבעדיקער קול... נאָר דאָ דאַרף מען דאָס ניט.

בלי נדר איך וועל אים אויפנייען אַ גאַרניטערל אַ סאַמע-טענעם, אים קויפן אַ קאַסעליוש — ער וועט ביי מיר לייכטן, מיין טייער קינד... איך וועל אים אַרויספירן לייטן גלייך, איך וועל מיט אים גיין שפּאַצירן... אי״ה אים איז שוין צו ווינטער צו צייט אין חדר; איך וועל אַרומפרעגן דאָ ביי די שכנים גוטע

מלמדים. איך וועל טאַקע צאָלן גוטע רבי-געלט... לייזשע וועט ביי מיר ניט אויספירן. איך פאַרמאָג ניט, וואָס?

דערמאָנט זי זיך אָבער, אַז זי פאַרמאָגט, דערמאָנט זי זיך אַלץ, אַזוי ווי און דער צאָל פון איר פאַרמעגן, איז די צאָל פון אירע זינד.

דיר אַרט, דיר רופעט, אַז עס איז פאַראַן אַ איבעריקער קאַרב, דיר לאָזט דאָס ניט לעבן! — איז לייזשע אויף איר בעכטן אָנגעפאַלן ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי קלערט אַ ביסל באַקליידן אַלטינקן: אַ טירוף אַ ביסל! וואָלט איך נאָר געלאָזן וואָלט זי ממש אין מיטן גאַס אויסגעשאָטן... וואָס אַרט דיר אַז עס איז פאַראַן עטלאַכע רובל?

„טאַקע ממש אין גאַס אויסגעשאָטן! איידער אַזעלכע געלט, בעסער, דאַכט זיך, איך ווייס ניט וואָס... וואָלט, דאַכט זיך, אָט טאַקע אַבי וועמען אָפּגעגעבן, אַלץ אָפּגעגעבן! אָט טאַקע ביז דאָס לעצטע העמד! אָי, גרינג וואָלט דאַמאָלסט געוואָרן, געראַם און גוט...—אַזוי וויל זי אים ענטפערן, נאָר—עט! ניט כדאַי זיך מיאוס מאַכן...

און ער איז גערעכט: איר לאָזט ניט רוען אָט דער רובל, וואָס ליגט און קלייבט זיך איינס צו איינס ביי אים אין קאַסטן... יעדע פרוטה, יעדער גראָשן איז אַ באַקלאָגטער, אַ אומגליקלאַכער, אַ פאַרשאָלטענער...

זי גיט זיך אַ ריס פון אָרט.

זי גייט צום קאָמאָד... זי זוכט דאָרטן אירע ציכן, אירע פאָרהאַנקעס, זי וויל פאַרהענגען די פענסטער—געקומען די צייט, אַז זי זאָל איר שטיבל אויף פאַרפוצן... אַלע חפצים די באַהאַלטע-נע, די גוטע זיינען זיך דערלעגן...

דאָרטן האָבן זיך ביי איר גאָר די הענט ניט פונאַנדערגע-נומען. געטראָפן טעג, זי האָט די שטוב ניט אויסגעקערט — דער בעזים איז ממש פון האַנט געפאַלן... עפעס צוליב? פון בית-עולם ווער וואָלט צו איר געקומען? פאַר וועמען וואָלט זי זיך געשעמט? דערפאַר דאָ — וועט זי לעבן לייטן גלייך; דאָ וועט זי אַלעמען באַווייזן!... דאָ וועט שוין לייזשע ניט מוסרן איר, וועט שוין זען,

ס'אר אַ בריה זי איז... זי וועט וואַשן, זי וועט פרעסן... וועט גיין, פוצן—עס וועט זיין אַ לעבן...

דאָ וועלן שכנות זען, וועלן צו איר קומען, וועלן זיצן, פאַרברענגען, ווי עס פירט זיך.

אָט, זי וועט נאָר ליידיק ווערן, וועט זי אין דרויסן אַרויס. נעכטן זיינען זיי, די שכנות, אויף דעם ביינקעל געזעסן און געשמועסט—נעכטן איז גראָד געווען אַ וואַרימעס וועטער—די שכנה פון אַנטקעגנדיקן פענסטער איז קענטיק אַ ווייבל מיט אַ צונג! אַ געלעכטער—דער הויף האָט זיך אַזש געהויבן... און די יונגינקע מיט דעם קינד אויף די הענט האָט זיך אַזש געקייקלט, איז קענטיק זייער אַ פריילאַכע, אַ שיינינקע! און די אַלטע מיט די ברילן אויף דער נאָז—זי איז אַן ערנסטע, קענטיק אַ ביזלאַכע, זיי האָבן אַהער צו מיר אָנגעוויזן, אויף מיין פענסטער...

זי האָט גענומען קערן זיך, זוכן, איילן זיך—זייער אַ פולע אַרבעט האָט זי נאָך! דאַרף נאָך אָנציען די פאָרהאַנקעס. דאַרף נאָך אויסוואַשן אַלטינקן... אָן דורכן פענסטער זעט זי אים—אַ קליינינקן, אַ דאַרינקן, אַ שטילינקן... אָן טראָגט ער אַ ציגל—ער בויט שוין אויך מיט זיי צוזאמען...

— אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, האַרציקער פאָטער! אַ דאַנק דיר פאַר דיינע גרויסע חסדים!...

ווען זי איז נעכטן פאַרנאַכט פון מאַרק געגאַנגען, האָט זי זיך אין טויער באַגעגנט מיט דער גראָבער יידענע. זי האָט צו איר ברייט און ליבהאַרציק מיט אַ שמייכל גוט נאָוונט געזאָגט; נאָר יענע האָט ווי בייז, ווי מיט פאַראַכטונג איר קוים מיט דעם קאָפּ אַ שאָקל געטאָן...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע אין נעכטיקן אָוונט, דאָס ערשטע וואָס האָט איר יום־טוב געשטערט, עפּעס אַזוי, ווי זי זאָל אַ שונא דערפילן... און ביינאַכט, אַז מען האָט אָנגעקלאַפּט און זי האָט אָפּגעעפנט אַ אומבאַקאַנטן, האָט איר יענער טרוקן און האַסטיק אַ פרעג געטאָן: „דאָ וואוינט לייזער דער קבורה־שמש? קוים דערפרעגט זיך צו אייך!"

— דאָ, דאָ—האָט זי אים שעפּטשנדיק געענטפערט און געשווינד אַריינגעלאָזן... עפּעס ווי זי זאָל וועלן, אַז קיין אויג זאָל אים ניט זען דאָ, ניט הערן זיין קומען... און דערנאָך, דורכלאָזנדיק אים צוזאַמען מיט ליזשען, איז אויף איר אַרויפגעפאַלן עפּעס אַ אומרואיקייט ווי זי זאָל פּלוצלונג פאַרשטיין אַז יענע יידענע איז אויף איר שטאַרק ברוגז, קאָן זי ניט ליידן, קאָן זי ניט באַגעגענען...

אַ ווילדע מורא איז אויף איר אָנגעפאַלן. זי איז געשווינד אין חדרל אַריין, געשווינד זיך אין בעטל געלייגט, אַרומגענומען זיך מיט אַלטינקען, און אַזוי ווי דער טויט, אָט דער באַקאַנטער טויט וואָס איז אַזוי אָפט, אַזוי היימיש אין זייער דירה, איז עפּעס ווי מיט איינמאָל אין אַ ווילדע בריאה אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַר אירע אויגן אַוועקגעשטעלט... אָט ווי דער טויט זאָל צו איר אייגענער נשמה צוטרעטן, ווי ער זאָל אויף איר זיין שטאַרקע, קאַלטע האַנט אַוועקלייגן... עס דאַכט זיך איר, זי שטאַרבט... נאָר זי גיט אַ שפּרונג, עפנט אויף שטאַרק די אויגן. קיינער איז ניטאָ. אַ קאַלטער שוויס שלאָגט זי דורך, די האָר שטעלן זיך איר קאַפּויער.

— אַלטינקער! אַלטינקער! זונעניו—האָט זי זיך מיט אימפּעט אַוואָרף געטאָן צום קינד — אַלטינקער, דו שלאָפסט? דו שלאָפסט?

אַלטינקער האָט נאָר אַ ברום געגעבן און זיך נעענטער צוגערוקט צו איר...

זי האָט קוים טאָג דערלעבט און איז אויפגעשטאַנען אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע, און האָט זיך געלייגט גאַסע טיכער צום קאָפּ.

— זעסטו! האָסט געזאָגט, אין אַן אַנדער דירה וועסטו געזונט ווערן, גאָר אַן אַנדער מענטש זיין,—ערשט אָפּגעוועזן צוויי דריי טאָג און שוין ווידער קראַנק, ווי דאָרטן...—האָט איר ליזשע באַמערקט.

די זון, ווי זי זאָל איר קאַלטן טאָן איבערבייטן, ווי זי זאָל איר גאווה אַ בראָך געבן,—האָט זיך גאָר נידעריקער, גאָר היימי-

שער אַראָפּגעבויגן, האָט געוואַרימט און געשמייכלט פריינדלאַך און האַרצלאַך צום גאַנצן הויפל.

אָן גלאַנצן און שיינען פון ווייטן די דעכער פון באַרג, ביי דעם קליין שטיבל אַנטקעגן ווינקט אַ פונאַנדערגעוואָרפענער איין-איינציקער בוים, אַ געדיכט צווייגנדיקער, אַ באַהאַנגענער מיט רויטינקע עפּעלאַך, און יעדעס עפּעלע כאָטש מיט דער האַנט דערלאַנג, כאָטש נעם אַ ברכה מאַך... אָן זעט זיך אַ אָפענער פענסטער און אין פענסטער אַ טונקל-האָריקער קאָפּ פון אַ יונג מיידל, און הויבט אויף דאָס מיידל איר קאָפּ, — ווי עס וואָלט מיט איינמאָל אין גאַנץ געסל ליכטיק געוואָרן... אַזוי ליבהאַרציק איז איר שמייכל אַזוי שיין-פּאַרפּיק זיינען אירע באַקן... און די וועלט איז עפּעס אַזאַ פריינדלאַכע!... און די מענטשן אַזעלכע געבענטשטע, געטרייע!...

און ווייטער שטייט זי ביי איר פענסדער און קוקט ווייט אַרויס; און איר דוכט, אַז יענע ווייבער אויף דעם בענקעלע האָבן צו איר גאָר קיין כעס ניט... וואָס? וואָס האָט זיך איר דאָס אַזוי געדאַכט? אָט נעמט זי גאָר די זאָק אין האַנט און וועט צו זיי אַרויס, וועט זיך באַקענען, וועט זייערע ווערן...

לייזשע שלאָפט דאָרטן אין קאַמערל, — זאָל ער זיך שלאָפן, זי וועט צו זיי אַרויס.

„בלי נדר, איך וועל ניט אַנדערש צו אַ דאָקטאָר אריין: עפּעס צו צייטן איז ביי מיר די רעיונות ניט אויף אַן אָרט", — קלערט זי דערמאָנענדיק זיך נעכטיקע נאַכט.

זי האָט אָנגעטאָן איר גרינע שבתדיקע קאָפטע, אַרויסגעשטעקט די אויערן פון קאָסינקעלע און גענומען די זאָק אין האַנט. — אַ טאָג איז היינט — אַ נחת אַ מלוכה! אַ גוט יאָר זאָל נאָר דער טאַטע-פאָטער אָנחתמענען...

אָט די ווערטער רעדט זי צו זיך, נאָר הויך, שוין אין דרויסן שטייענדיק.

די ווייבער זיצן זיך פונקט ווי נעכטן, ווי אַלע טאָג זייער שטייגער. די יונגיטשקע האַלט היינט אויך איר קינד, — וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס קינד איז, בלוט און מילך... מיט יאָרן, זאָל עס

זײַן... און די באַיאָרנטע יידענע קוקט דורך די ברילן אַראָב און גייט; דאָס פאַלט צווישן די ברעמען איז ביי איר כעסדיק צונויפגעלייגט... זי הערט זיך צו, ווי די הויכע, די כרײַלאַכע, הערצײַלט עפעס מיט האַרץ... די פערטע—די דאַרינקע איז אַן אומבאַקאַנטע, צוגעקליבענע—אַ גאַסט.

און זי האָט קיין העזה ניט צוצוגיין. עפעס נעמט פלוצלונג:—גוט מאָרגן, חאַשע, איך בין דאָס, נאָר עס האָט גאָר קיין שטאַט ניט.—וואָס בין איך אַ פיצינקע מיידעלע? און זי גייט אום ווי עפעס זוכן איבערן הויף...

— אַלטינקער! האַ, אַלטינקער!—זי פאַרשטעלט מיט דער האַנד אַריבער די אויגן—אַלטינקער!

— וואָס איז, מאַמע?—פישטשעט אָב אַ דינינקעס קולכעל.ביים פאַרקאַן שפילט ער זיך מיט די חברימלאַך.

— אַלטינקער, האָסט ניט געזען אונזער ראַבינקע הינדעלע? ציפ, ציפ, ציפ, ציפינקע!...

— דאָס הינ—דע—לע?—ציט אָב ווייטער דאָס קולכעלע דאָס הינ—דע—לע—ע? מאַמע, דאָס הינדעלע ווייס איך ניט...

זי האָט זיך שוין אויסגעגלייכט מיט די שכנות. אָט כמעט שטייט זי שוין נעבן זיי. זיי האָבן אויפגעהערט צו ריידן...

— אַ גוטער מאָרגן! זאָגט זי אַרויס, און זי ווענדט צו אַ פריינדלאַכן פנים צו זיי.

איינע האָט נאָר, נאָך אַ היבשן שווייגן, אַ קורצן „גוט יאָר" ! פון צווישן די ציינער אַרויסגעצויגן און די איבעריקע זיינען שטומע געזעסן, שטומע און ווי ברוגזדיק... האָבן צו איר אַפילו אַן אויג ניט אויפגעהויבן.

איר האָט זיך אַזש אַ ריס געטאָן אין האַרצן פאַר דעם בזיון... וואָס האָט זי זיי געטאָן?... זי איז נאָר איין ווײַלינקע געשטאַנען און איז ווייטער אַוועק איבערן הויף.

— אַלטינקער, אַלטינקער, פאַמעלאַך; רוק זיך אָפּ! אָן די ייגלאַך וואַרפן זיך מיט שטיינדאַלאַך, פע! מיט שטיינדאַלאַך ט ר מען זיך ניט וואַרפן, מען קאָן געקאַליעטשעט ווערן!

און איר דאַכט: די ווײַבער ברענען זי דורך מיט בליקן...
און זי פילט, אַז זיי וואָלטן זי דאַכט זיך צעריסן...

— ציפּ, ציפּ, ציפּינקע!—רופט זי דאָס הינדעלע...

די ווײַבער ריידן זיך זייערס. נאָר שטיל ווערט, ווי זי קומט נעענטער צו זיי... און זי גייט אַרום איבערן הויף און זוכט.

זי איז ווייטער ביים ביינקעלע, עס ווערט שטיל, און עפּעס ווי אַלע זיינען אין ערוואַרטונג. איר דאַכט, זיי ווילן איר עפּעס זאָגן, זיי האָבן איר וואָס צו זאָגן,—און ניט ווילנדיק שטעלט זי זיך אָפּ.

זיי בעטן זי אַפילו ניט צוזעצן זיך, עס איז שטיל...—צאַ-אַ-צינקע!—שפּילט זיך נאָר דאָס יונג ווײַבל מיט איר קינד. און דאָס קינד ציט זיך צו אירע פּרעגטלאַך פון זאַק, און מיט די הענטלאַך פּאַכט עס און שמייכלט.

— וואָס איז ליובינקע? אַ שייבינקעס קינד... אַ חתן צי אַ כלה?—ווענדט זי זיך צו דער מוטער

— אַ כלה.

— וואָס איז, כלהטשקע? קיין עין-הרע ניט געבן—אַ שיינינקעס, אַ פיינס...

דאָס קינד אַליין נאָר ציט זיך און ווייזט איר אַ פריינדלאַכן פּנים.

— זעצט זיך, וואָס שטייט איר!—בעט זי די מוטער פון קינד מיט אַ האַלבן מויל.

זי זעצט זיך.

— איז היינט אַ טאָג—אַ פאַרגעניגן! ס'ווילט זיך אין שטוב גאָר ניט זיצן.

נאָר קיינער ענטפערט איר ניט.

— זאָגט איר, אַז איר וועט מיר שיקן די פּאַרפל-רייבערין?—ווענדט זיך נאָך אַ היפשן שווייגן די עלטערע צו דער גאַסט.

— שיקן, פאַרוואָס ניט! אַן אָרנטלאַכע יידענע, זאָג איך אייך.

— ווי טייער צאָלט איר פון פונט?—מישט זי זיך אַריין...

ניט טייער—ענטפערט איר קורץ די יידענע.

קענטיק, זיי ווילן מיט איר ניט ריידן... זי פילט, אַז זי איז דאָ ביי זיי אַן איבעריקע, אַ פרעמדע... און זי ציילט די אויגנ־לאַך פון זאָק,—זי וועט נאָר דאָס פרענטל אויסמאַכן, וועט זי אַוועק פון דאַנען. וואָס זאָל זי דאָ שטיין?

זיי אַלע שווייגן. די הויכע, פון אַנטקעגעדיקן פענסטער — טריינע רופן זיי זי—איז היינט אַ אומעטיקע, גאָר ניט נעכטיקער פנים. עפּעס אַ דאגה דריקט זיך אויס אויף זיי אַלעמען. און אָט די טריינע וואָלט איר אַזש אין האַרצן אַריין, מיט די שוואַרצע אויגן, פונקט ווי זי זאָל ביי איר נעכטיקע שמחה צונעמען... — וואָס האָב איך איר געטאָן? קלערט זי, און פילט צו איר אויך מער שנאה און פאַרדראָס ווי צו די איבעריקע.

— וואו האָט איר פריער געוואוינט? — האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן די אַלטע אין די ברילן.

— איך?... — פרעגט זי איבער און געפינט קיין ענטפער ניט, און וויל ניט ענטפערן: וואָס איז דאָס, שפיכת־דמים, צי וואָס?...

— צאַצינקעס... וואָס איז? אַ שיינע כלהטשקע!—פאַררעדט זי זיך צום קינד...

— נו, האָט מיר אַ גוטן טאָג! האָט זיך די גאַסט צו זיי אַלעמען געווענדט און געשטעלט זיך,—איך זאָג אייך, טריינע, איר זאָלט אַליין אויך ניט צו גיין צו אייער שוועגערין: ביי אייך זיינען קליינע קינדער, און שקאַרלאַטין איז אַ קלעפּיקע זאַך...

— וואָס רעדט איר!—שאָקלט זיך טריינע—אַזעלכע ברי־ליאַנטעלאַך, ווי קאָן איך אַהין ניט גיין, אַז זיי זיינען נאָר אויף מיינע הענט?...

— אַלטינקער!... אַלטינקער!—האָט זי זיך פּלוצלונג אויפ־געכאַפּט—אַלטינקער, גיי אין שטוב אַריין!...

און זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זי האָט קיין צייט ניט צו שטיין... וואו איז ער, אַלטינקער? וואָס דאַרף ער די חברים!... זי וויל אים באַהאַלטן, אַז קיין אויג זאָל אים ניט זען אַז מען זאָל פון אים ניט וויסן...

זי איז אַריין צו זיך. לייזשע איז שוין אויפגעשטאַנען, האָט זיך רואיק טיי געטרונקען, די פענסטער זיינען פאַרמאַכט,

די פֿאָרהאַנקע אַראָפּגעלאָזן און ס׳דאַכט זיך איר: װײטער די בית־עולם־גאַס... און איר שטיבל אַן עלנטע, אַ טויטע, אַ פֿאַרשאָלטענע...

און דערזעלביקער סאַמאָװאַרטשיק דער אַלטער, דער זידנדיקער; און לײזשע אַ צופֿרידענער, אַ רויִקער סאָפּעט און קרעכצט טרינקענדיק...

זי װײס שוין, פֿאַרװאָס די װײַבער האָבן זי פֿײַנט! זי װײס, פֿאַרװאָס זײ טײַטלען אויף איר מיט די פֿינגער, פֿאַרװאָס זײ שילטן און װאָגלען איר קינד!...

װאו באַהאַלט מען אים? איר װערט ענג, זי ציטערט, זי האָט מורא, עמיצער זאָל אַ קלאַפּ טאָן—װי זי האָט עפּעס אַ שרעקלאַכע גנבה באַהאַלטן בײַ זיך.. זי פֿילט, אַז עמיצער זוכט... װעט קומען צו איר, װעט מאָנען...

— רבונו־של־עולם! דו האָסט דאָך קינען אויך מוחל געװען קין האָט דאָך געהרגעט זײַן אײגענעם ברודער... רבונו־של־עולם, שטראָף מיר ניט, זײַ מיר מוחל!

זי זוכט אין סידור, זי בלעטערט—זי זוכט אַזאַ תחנה, װאָס מען דאַרף זאָגן פֿאַר אַ גרויסן שטורים... עפּעס זי דאַרף בעטן, דער שטורים זאָל פֿאַרבײַגײן... איר האַרץ פֿילט, אַז אָט, אָט דאַרף אַ דונער טאָן, אַ בליץ... עס דאַרף צובראָכן װערן, עס דאַרף זיך אָנציגדן און פֿאַרברענט װערן....

איר האַרץ האָט זיך פֿון אָרט אָפּגעריסן, קלאַפּט און שפּרינגט אום, ס׳דאַכט, אָט באַלד פֿאַלט עס אַרויס... און יעדער שאָרך, יעדער קול דערשרעקט, הויבט זי פֿון אָרט.

לײזשע איז אינדערהײם... און אַז ער איז אינדערהײם, געפֿינט ער זיך מלאכה: ער שטעלט אָן רײכטיק דעם זײגער, זוכט זיך עפּעס אַ פֿאַרװאָרפֿענעם ספּרל און פֿאַרנעמט זיך.

זי איז פֿון נעכטן אָן װי פֿאַרכּישופֿט געװאָרן, זי געפֿינט זיך קײן רו ניט, לויפֿט צו יעדע רגע צום פֿענסטערל און לויפֿט אָפּ װי אַ פֿאַרסמטע.

— לײזשע! טרײַנעס קינד — אַ קינד װי אַן עפּל — איז פֿאַרבײַ...

— לייזשע, דער דאָקטאָר איז באָרוואָס אַוועקגעפאָרן, לייזשע, דו הערסט?

— איז וואָס דיין דאגה; טשעפּע זיך אָפּ! וואָס קאָן איך העלפן—ענטפערט ער.

— ס׳טייטש!...—הויבט זי אָן, און זי נעמט פונאַנדער די הענט; נאָר זי קאָן ניט אַרויסגעבן דאָס, וואָס זי וויל זאָגן.

— ביי לייטן אַ יידענע, ערב שבת געפינט זיך אַ מלאכה, און זי—אַ שטאָט-גבאיטע... איר זאַך!

— ביי לייטן—הויבט זי אָן איבערקרימען ביי לייטן... דאָס איז דאָך דאָס אומגליק, וואָס ניט ביי לייטן... לייט זיינען לייט!

— וואָס ווילסטו? פּרא אָדם! שפּייט ער אויס מיט פאַראַכטונג—צו די משוגעים דאַרף מען דיך פאַרשפּאַרן, ביסט אַ קלעק, אַ צוטשעפּענעס... וואָס? ווען? וואָס רופעט דיר? געוואָלט אַ דירה,—נאַ דיר אַ דירה, געוואָלט אַ נייעם טיש,—נאַ דיר אַ טיש? וואָס ווילסטו נאָך?

און זי קאָן ניט אַרויסגעבן, וואָס איר ווילט זיך, איר ווילט זיך אָט איצטער, אין דער רגע אַנטלויפן פון דער דירה... איר דירה איז אַ פאַרשאָלטענע, אַ פאַרשפּייטע... זי וואָלט אַלץ, וואָס זי האָט, אָפּגעגעבן, נאָר איבערדעקן איר שטיבל... באַהאַלטן זיך און באַהאַלטן אַלץ וואָס געפינט זיך אינעווייניק... און ער זיצט נאָך... נאָך אין די אויגן פאַר אַלעמען... זיצט און וואַרט... נעכטן צוגענומען ביי טריינעס שוועגערין אַ קינד און היינט איז טריינעס קינד פאַרביי...

זי דאַרף קיין שבת ניט, זי פילט קיין אָרט ניט, קיין רו ניט!... זי וואָלט איצטער נעמען אַלטינקן און אַוועקפאָרן... אַוועק כאָטש צו וועמען עס איז... זי גייט צוריק פון קיך, וואו זי האָט עפּעס ניט דאַרפ··יק געזוכט.

— לייזשע, לייזשע!...

— נו, וואָס איז?

— לייזשע, איך וויל אַוועקפאָרן מיט אַלטינקן...

— וואָס?—פרעגט ער.

— איך וויל אַוועקפאָרן מיט אַלטינקן צו מיין קרובה אין ליובקע.

— טפו!...— האָט ער מיט געפיל אויסגעשפּ״ט און מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן—אַ קליפּה זיצט אין איר, ניט אַנדערש אַ קליפּה?

— רבונו־של־עולם, ענטפער מיר, ענטפער, דו ווייסט דאָך מיין הארץ...—האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

לייזשע הויבט זיך אויף ענטשלאָסן פון אָרט. ער זוכט זיין ציביק.

— עך, אַ יידענע, אַן ארורה! ער וואָלט איצט גערן אַוועק־געגאַנגען, גערן זיין פאַרנומען, אַבי ניט אָנקוקן דאָס אַלץ...

אַלטינקער אַליין איז דאָ נאָר אַ רואיקער... ער געפינט זיך מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן, דרויסן גייט ער ניט... מיט די חברים שפּילט ער ניט—די מאַמע לאָזט ניט שטיין אַפילו אין פענסטער, ווי דאָרטן אין יענער גאַס...—די דירה איז אויך ניט קיין גוטע,—האָט ער זיך זיין מיינונג.

— איך מוז אַוועקפאָרן אין ליובקע, איך מוז אַוועק פון פייער! וואָס וועל איך דאָ וואַרטן, וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן, עס איז נאָך איצטער צייט פאַראַן.

עס טרייבט זי.

עס איז נאָך ניט שפּעט, זי דאַרף זיך לאַנג ניט קלייבן,— זי נעמט אַלטינקן פאַרן האַנט און לויפט.

— לייזשע, איך מוז פאָרן... און זי וואַרט שוין זיין ענט־פער ניט, זיין הסכמה. זי ווייס אַליין, אַז זי דאַרף ערגעץ אַוועק... אַלץ: איר אומרו פון יאָרנלאַנג, פון דער גאַנצער צייט, זינט זי האָט חופּה געהאַט, זינט איר אַלטינקער איז איר געבאָרן געוואָרן די לאַנגע נעכט אָן שלאָף, די פולע שלעכטע חלומות, וואָס האָבן זי אַזוי געשראָקן,—איר גאַנצעס פאַרוואָגלטעס אומגליקלאַכעס לעבן האָט עפּעס אַזוי אויסגעדריקט, אַז זי זאָל אַוועק, נאָר אַוועק!... אָט איצטער! אָט די רגע!... גאָר ניט וואַרטנדיק אויף קיין בשורה פון דאָרטן, פון איר שכנה... אַוועק דאַרף זי, כאָטש די וועלט

זאָל זיך איצטער לייגן... און איר דאַכט, אַז די גאַנצע וועלט לייגט זיך טאַקע.

— אַ טירוף, אַ משוגענע!—מורמלט לייזשע — געקלערט: שבת, אויף ברכה מאַכן פאַרופן פינען, זרחן, דעם בעל־הקברות— אַ נייע דירה. ס׳טייטש ווי דען! געקלערט—אַ קישקע־קוגל, צימעס, אַ סטרודל... ווי ס׳פירט זיך,—ערשט נאַ דיר! אַ שוטה אַ יידענע אַ ביסל! אַ קליפה, רחמנא ליצלן... טפו!..

— שווייג, שווייג, פערד איינער! שווייג!—רייסט זיך אַרויס ביי איר מיט אַ געשריי — פאַרשטייסט אַ פנים, וואָס מיט דיר צוטוט זיך? וואו דו האַלטסט אין דער וועלט? רבונו־של־עולם, העלף מיר, ענטפער מיר, פאַרמייד פון מיר די שטראָף, וואָס איך בין ווערט...

זי וויינט, איר ווערט ניט גרינגער פון אירע טרערן. זי ווייס זי דאַרף עפּעס טאָן און ווייס ניט וואָס... זי דאַרף אַוועק—און קאָן עפּעס ניט... און זאָל ער אַוועק! וואָס זיצט ער... וואָס וואַרט ער... זי קאָן אים ניט איבערטראָגן—עפּעס אַ מין מחבל, אַ שוואַרץ־יאָר!—געזעסן פערצן יאָר אַן אלמנה, וואָלט איך שוין געזעסן נאָך פופצן... לויפט איר דורך אין מוח...

— הם! אַ קליפה!—טענהט ער פון זיין צד—אויבסט איז איצטער בחינם, אַז איך וועל ניט ברענגען, וועט זי זיך פוילן אין מאַרק אַרויס—געוואָלט אַ טיש—נאַ דיר אַ טיש, אַ דירה— נאַ דיר אַ דירה... וואָס האָט איר דאַרטן געפעלט? הא? וואָס?? אומעטיק, מורא... אַ קליין קינד!... אַ ברעקל קינד האָט דאָך מער שכל ווי דו! קיין שלאָף נעמט זי ניט, קיין טעג רוט זי ניט, קיין שבת, קיין וואָך ניטאָ! וואו איז דיינע געבענטשטע ליכט, צנועה? הא?

— לאָז, לאָז, הער אויף... — קאָן זי נאָר אויסריידן. ער רעדט נאָך, ער מאַכט נאָך זי שולדיק... וואָס וועט זיין, אַז זי וועט בענטשן ליכט? זי איז דעם שבת ניט גערן—שבת רופט מען אויך אַ קבורה־שמש...

און זי בלייבט זיצן טיף פאַרקלערט... דער קאָפּ איז איר דורך די עטלאַכע טעג געוואָרן אַ שווערער, אַ טעמפּער... און די

מחשבות זיינען עפעס ווילדע, מוראדיקע... און דער ווייטאָג אין קאָפּ איז אַ שאַרפער, אַ שטעכעדיקער... אַ הייסער...

— איך מוז פאָרן צו מיין קרובה אין ליובקע! דאָרטן איז אַ דאָרף, אַ פעלד... דאָרטן וועל איך זיין אַליין—איך מיט אַלטינקן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— שאַ שאַ שאַ!... — כאַפּט זי זיך מיט אימפּעט אויף פון אָרט—שאַ, שאַ, שאַ... דו הערסט? מען וויינט!

איר פּנים איז געוואָרן געל, צוקנייטשט און רחמנותדיק פאַרמאַטערט... אירע אויגן זיינען אויסגעלאָפן... האָבן פיבערלאַך געבלישטשעט... און אינגאַנצן מיט איר קליינעם דארינקן גוף האָט זי זיך אין איין אומרו פאַרוואַנדלט...

נאָר עס איז שטיל געווען...
זי האָט זיך צוריק געזעצט אויף איר אָרט.
די נאַכט האָט זיך ביסלאַכווייז גענומען אַראָפּלאָזן...
— בענטש ליכט!—האָט איר לייזשע ברוגזדיק געזאָגט.
זי האָט זיך ניט גערירט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— וואוהין?... וואוהין? — האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים—גיי ניט! גיי ניט!... וואוהין ווילסטו גיין?

— אין שול.

— גיי ניט, גיי ניט!... שפּעטער, אַז עס וועט ווערן נאַכט, וועסטו גיין... מער פעלט ניט, עמיצער זאָל אים אויף דעם הויף דערזען! דער מלאך-המות גייט, דער שמש...

זי שטעלט זיך נאָענט, אַזש צו זיין סאַמע פּנים, און מעסט אים אויס מיט אירע שווידערלאַכע ווילדע בליקן. עפּעס ווי זי זאָל וועלן מיט אים מיט די כוחות זיך אויסמעסטן... ווער וועט שטאַרקער זיין... צי זי, צי ער...

— ניט גיי... דו הערסט, וואָס מען זאָגט דיר!... ניט גיי... מלאך-המות!... דו ווייסט, ווער דו ביזט? אַז מען דערזעט דיך דערזעט מען דעם טויט...

לייזער האָט איר אָנגעקוקט. איר קול איז געגאַנגען שטיל פאַרשטיקט און שאַרף... און אירע בליקן זיינען ווילדע, משונהדיקע...

— שפעט... ביינאַכט... ועסטו אוועקגיין... ווען קיינער וועט דיך ניט זען... דו הערסט, וואָס מען זאָגט דיר?...

— ביזט משוגע, צי וואָס! אָדער טאַקע מיט אַן אמת אַ קליפּה!...

נאָר זי הערט אים ניט. וואָס ער וועט איר זאָגן, האָט שוין קענטיק פאַרלאָרן פאַר איר דעם זינען... קענטיק, אַז זי האָט עפּעס וועגן וואָס אַנדערש צו קלערן, צו ריידן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מאָדנע... עס איז שוין רעכט פינסטער געוואָרן; ביי אַלע שכנים זיינען שוין לאַנג די פענסטער שבתדיק באַלייכט, געבענטשטע, פריילאַכע... דעם קבורה־שמשס נאָר זיינען פינסטערע, פאַרשאָלטענע...

ווילנער פאַרלאַג
פון
# ב. א. קלעצקין

## אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ.

I באַנד פאָלקסטימלאַכע געשיכטן
II די צייט
III דראַמען
IV אדם וחוה (אין 5 טייל)
V חסידיש
VI פאַר קליין און גרויס
VII סקיצן און בילדער
VIII אויפזאַצן און פעליעטאָנען
IX אַלט און ניי
X פון שטוב און גאַס
מיינע זכרונות

## שלום אַש.

מערי (ראָמאַן)
ר' שלמה נגיד
דראַמען, באַנד I, II, III,
דערציילונגען, באַנד IV, V,
אַ שטעטל
דאָס נייע לעבן

אַדרעס:
Wydawnictwo Wileńskie B. KLECKINA,
Wilno, Mało-Stefańska 23.



Rachel Broches. „Zbiór opowiadań“.
Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, M.-Stefańska 23.